# ישראל אשר בך אתפאר



דער היסטאר־ישער
הייליגע חסיד׳ישער הויף:

## ״סאדיגורה״

תפארת שבמלכות
ומלכות שבסאדיגורה

– איפן שפיץ גאפל –

געשריבן דורך: שבתי כ. | חשון התשפ״ב





רבינו ישראל אשר בן אתפאר



# 'אריינפיר'

דער שלשלת פון "מלכות בית רוזשין סאדיגורה" צוט זיך שוין איבער דריי הונדערט יאר. אנגעהויבן מיטן דער הייליגער מגיד דער רבי ר' בער פון מעזריטש זיע"א וואס ער איז געווען גיוואלדיג און חשוב ביים הייליגן בעל שם טוב הקדוש, און א שטארקער תלמיד, און טאקע דערנאך דער ממלא מקום. דערנאך זיין איינציג זון דער הייליגער מלאך, הרה"ק ר' אברהם המלאך, וואס אויף אים האבן אלע מודה געווען, אפילו די מתנגדים אז דער ר' אברהם'עלע איז עפעס א הויכע הייליגע נשמה, און זיינע עבודת אין זיינע סגיפים זענען געווען שווער מיטצוהאלטן. דער הייליגער מלאך האט חתונה געהאט אבער נישט צולאנג שפעטער האט זיין רביצין נפטר געווארן ל"ע, דער הייליגער מלאך איז נאך געווען יונג אין דאן בכלל נאך צו קיין קונדער נישט זוכה געווען, אין זיין טאטע דער מגיד האט שטארק געוואלט זעהן זיין זון האבן קונדער, אין זעהן ווי די הייליגער גאלדענע קייט צוט זיך ווייטער. אבער דער הייליגער מלאך האט נישט נאכאמאל געוואלט חתונה האבן. אין זיין טאטע דער מגיד האט זיך געהאלטן אין איין בעטן ביי אים, ביז ער האט מסכים געווען. ער האט טאקע נאכאמאל חתונה געהאט, אין א לענגערע תקיפה האט געדוירט ביז זיי האבן זוכה געווען צו א בן זכר אין מען האט אים א נאמען געגעבן שלום שכנא, אין די שפעטערע יארן האט דער שלום שכנא חתונה געהאט אין געהאט צוויי קונדער, הרה"ק ר' אברהם, און הרה"ק ר' ישראל, אבערליידער האט דער רבי שלום שכנא ל"ע אוועק יונג, האט זיין זון הרה"ק ר' אברהם איבערגענומען זיין טאטע'נס בענקל און שטאט פרוהיבטש, און ווען דער הרה"ק ר' ישראל - "ישראל אשר בך אתפאר" - איז אלט געווען זעכצן יאר, האט מען אים אויפגענומען און שטאט רוזשין, אין זינט דאן רופט מען אים 'דער הייליגער רוזשינער'. ער האט געהאט זיין קונדער. אים שושן פורים אין יאר ת"ר לפ"ק האט דער הייליגער רוזשינער געדארפט אנטלויפן פון רוסלאנד, האט ער זיך דאן באזעצט אין





דעם שטאט סאדיגורה, אין יאר תרי"א איז דער הייליגער רוזשינער נסתלק געווארן, און דעמאלס האט זיין צווייטער זון הרה"ק ר' אברהם יעקב איבערגענומען אין זיך געזעצט על כס אבותיו אין דעם שטאט סאדיגורה.

אין יאר תרמ"ג האט דער אלטער רבי נסתלק געווארן האט זיין זון הרה"ק רבי ישראל בעל אור ישראל האט איבערגענומען אין זיך געזעצט אויפן הייליגן שטיל, אין יאר תרס"ו האט דער אור ישראל נסתלק געווארן האט זיין צווייטער זון הרה"ק רבי אהרן בעל קדושת אהרן איבערגענומען אבער ליידער זעקס יאר שפעטער אין יאר תרע"ג איז ער נסתלק געווארן און זיין זון הרה"ק ר' מרדכי שלום יוסף בעל כנסת מרדכי האט איבערגענומען זייענדיג אלט בלויז זעכצן יאר, גלייך נאך זיין חתונה. אין דערמיטן האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט קריג אין מען האט געמיזט אנטלויפן פון סאדיגורה, מען האט זיך באזעצט אין וויען, שפעטער פארן שרעדליכן צווייטן וועלט-מלחמה איז ער ארויף אויף א באזוך אין ארץ ישראל און מען האט דארט שוין געבליבן.

אין יאר תשל"ט איז דער כנסת מרדכי נסתלק געווארן האט זיין זון הרה"ק רבי אברהם יעקב בעל עקבי אבירים האט איבערגענומען אין זיך שפעטער באזעצט און בני ברק, און יאר תשע"ג איז ער נסתלק געווארן, האט זיין זון דער באליבטער בן יחיד רבי ישראל משה בעל עטרת ישראל איבערגענומען, אבער קום זיבן יאר שפעיטער וואס דער רבי זצוק"ל האט זיך געזעצט על כס אבותיו, איז אין יאר תש"פ, האט כלל ישראל אויפגענומען די ביטערע בשורה, אז דער רבי וועלכער האט קוים איבערגענומען דעם שבט הנהגה פון זיין פאטער דער רבי דער עקבי אבירים זצוק"ל, איז ל"ע נישט געזונט, און כלל ישראל האט מתפלל געווען אין איין גערוסן וועלטן לרפואתו. אין געדאוונט צום רבונו של עולם אז דער רבי זצוק"ל זאל בלייבן דא מיט אונז. אבער ליידער האט דאס נישט פאסירט, דער רבונו של עולם האט געוואלט אביסל אנדערש, אין ביום כ"א אב תש"פ האט דער רבי פריצייטיג צוריקגעקערט זיין הויכע הייליגע נשמה צו איר באשעפער.



דאן האט זיך געזעצט על כס אבותיו, זיין זון בנו יקירו וחביבו "הוד כבוד קדושת מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א אלס מנהג העדה. טראץ זיין יונגן אלטער, האט אים זיין טאטע דער רבי זצוק"ל מכתיר געווען, אז ער זאל דינען על כס אבותיו, אויף דעם הייליגן שטיל, אויף וועלכע עס זענען געזעצן אזעלכע מצוקי תבל, די צדיקים הקדושים לבית רוזשין וסאדיגורה, וועלכע האבן געטראגן אויף זייערע הערצער דאס כלל ישראל, ברחניות ובגשמיות. איז לאמיר זיך טאקע יעצט אביסל באקענען, און ארום רעדן פון אונזער הייליגער גזע. און זען ווי אזוי "מלכות בית רוזשין סאדיגורה" האט זיך געצויגן, מיט איר הערליכן הייליגן אפשטם, אין הוסטאריע.



מיר שטייען יעצט שוין ארום הונדערט-צוויי-אונזיבעציג יאר נאכן הסתלקות לשמי מרום פון דער הייליגער רוזשינער. אבער לעימת זה, שטייען מיר קום אינעם דריטן יאר נאכן הסתלקות פון

קובץ ישראל אשר בך אתפאר

אבינו רועינו אור חיינו כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט בעל עטרת ישראל זיע"א, וואס איז געווען באקאנט איבער דער גארער וועלט אלס גאון עצום, פוסק ובעל הוראה, נאך אפילו זייענדיג רב אין לאנדאן (בהיכל בית מדרשינו), ווי ער האט געפירט דער קהלה פאר צענדליגער יארן, אין די וועלט האט ארויסגעקוקט מיט האפענונג פאר הצלחה, אין ב"ה וואס מיר האבן אלע זוכה געווען, האבנדיג די זכי' אז דער רבי האט אונז געפירט די זיבן און-אהלב יאר וואס ער האט פאר יעדן חסיד עקסטער אנגעטון דעם כתר, דעם "כתר תורה וכתר מלכות" וואס דאס איז דאך געווען דער יסוד אין רוזשין וסאדיגורה. און פון פריש אויפגעבויט און צוריקגעברענגט דעם פארצייטישן הויף "סאדוגורה" צו איר אלטן חן.

אין נאך צודעם נאכן הסתלקות איבערגעלאזט אזא חשוב'ער ממשיך דרכו בקודש בנו יקירו וחביבו הוד כבו"ק אדונינו מורינו ורבינו עט"ר שליט"א וואס האלט אין איין אריינשיינען תורה עבודה ויראת שמים, דער כתר תורה וואס דאס איז ביים רבי'ן שליט"א דער עיקר יסוד. מיטן גאנצן אמת'ן רוזשינער אלטן חן צו אונז תלמידי וחסידי רוזשין סאדיגורה. זאל דער השי"ת העלפן "יאריך ימים אך ממלכתו!".



***

איינע פון די הייליגסטע און וויכטיגסטע געשטאלטן אין עולם החסידות, וועלכע האט געשאפן א נייעם דרך אין חסידות, איז געווען דער הייליגער רוזשינער, וועגן זיין גדלות און צדקות, איז שווער צו רעדן, ווייל עס איז ממש נישט צו פארשטיין און אפילו זיינע נאהנטע מקורבים האבן וועגן דעם גאנץ שוואך באגריף געהאט, אבער לאמיר נאר זעהן די טריקענע פאקטן ווי אזוי דער הייליגער שלשלת האט זיך געצויגן ביז מיר וועלן אנקומען צום איצטיגן צייט, וואס מיר האבן דאן די געוואלדיגער זכי' אז הוד כבו"ק מרן רבינו שליט"א זאל אונז פירן אי"ה בקרוב אנקעגן משיח צדקינו בב"א.

ויהי רצון אז דער גרויסער זכות פון הייליגן רוזשינער אין זיינע הייליגע קונדער, און אייניקליך זאל מגין זיין אויף אונז אלע, און געבענטש ווערן מיט כל טוב, אין עס זאל ח"ו נישט ארויסקומען קיין מכשול, נאר גאר דאס פארקערטער. אין שוין בקרוב אנקעגן גיין משיח צדקינו ומלכינו כבו"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א בראשינו מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות בב"א.



'מפתח'


* מרן הסבא קדישא
* מרן האדמו"ר הזקן
* היסטאריע של הקלויז
* מרן רבינו אור ישראל
* מרן רבינו קדושת אהרן
* מרן רבינו כנסת מרדכי
* מרן רבינו עקבי אבירים
* מרן רבינו עטרת ישראל
* מרן רבינו עט"ר שליט"א
* לזכר עולם יהיה צדיק

ישראל אשר בך אתפאר



# מלכות בית רוז'ין סאדיגורה

"דער הייליגער רוזשינער!!" די דאזיגע הייליגע ווערטער זענען ארויסגעזאגט געווארן בדחילו ורחימו דורך הינדערטער חסידישע אידן, שוין פאר די לעצטע איבער הונדערט יאר.

רוזשין איז געווען א מושג, א פענאמען אין די חסיד'ישע וועלט וואס האט נישט זיינס גלייכן. פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, פון א זעלכע גרויסע ווי דער הייליגער אפטער רב, דער רבי ר' הערש פון רימינוב, דער צאנזער רב, רבי שלום קאמינקא, און פיל נאך צדיקים זצוקלה"ה, ביז די קלענסטע, פשוט'סטע פון כלל ישראל, האבן אלע געפינען א מקום ביים הייליגן רוזשינער. ווי דער הייליגער רוזשינער האט אליין מעיד געווען אויף זיך, אז ער איז דער "נפש פון כלל ישראל", און ווען סיי וועלכע אידישער נפש, סיי וואו אויף דער וועלט, איז בצער, שפירט ער עס תיכף, און עס טוט אים אויך וויי. באמת האט נישט מיין פעדער און פאפיר דאס מקום צו באשרייבן דעם הייליגן קדוש וטהור, דעם הייליגן רוזינער, אדער זיין שלשלת הקודש, עס איז דאך פיל העכער פון אונזער השגה, אבער פטור בלא כלום אי אפשר, און מיר וועלן אראפברענגען איינצלנע זאכן



וואס ווערט געברענגט אין מקבל'דיגע ספרים, און וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן מפ"ק פון אבינו רועינו הוד כבו"ק מרן רבינו שליט"א ביי די הייליגע אמרי קודש, און שמועסן פון רבותינו הקדושים זיע"א. ובפרט פון כבו"ק מרן רבינו בעל עטרת ישראל, ובעל ה'עקבי אבירים זצוק"ל.

# 'סדר הדורות'

דער הייליגער רבי ר' בער איז געווען דער נענסטער תלמיד פון דעם הייליגן בעש"ט הק', און דער זוהן פונעם רבי ר' בער איז געווען ר' אברהם המלאך, וואס ער איז געווען א בן יחוד, דער ר' אברהם המלאך איז געווען אן אויסנאם און סגיפים, און ער האט געהאט אויסטערלישע יסודות, און שיטות וואס איז געווען שווער מיט צו האלטן, דער גרויסער מגיד רבי ר' בער האט געהערט פונעם בעש"ט הק' א האלבער שעה פאר די פטורה, און ער האט זיך געזעגענט מיט אים, און דער בעש"ט האט אים דעמאלטס געזאגט די לעצטע ווערטער, וואס ער האט געזאגט פארן מגיד איז געווען אז איך - מיין נשמה - וועל נאך אראפ קומען אויף דער וועלט צו איינע פון דיינע אייניקליך, און ער וועט נאך אויפלאכטן די וועלט אזוי ווי איך, דאס איז געווען די ווערטער וואס דער מגיד האט געהערט פונעם בעש"ט הק' פארן פטורה.

נאך איידער דער הייליגער ריזשינער איז געבוירן געווארן האט דער טשערנאבלער מגיד זצ"ל געזאגט צו זיין פאטער רבי שלום שכנא אז ער זאל רופן דאס קונד וואס וועט געבוירן ווערן 'ישראל' ווייל די נשמה פון רבינו ישראל בעל שם וועט רוהען אין אים.

דער הייליגער רוזשינער זי"ע איז געבוירן געווארן אם ג' תשרי ה'תקנ"ז אינעם שטאט פרוהביטש - פלך קיוב, צו זיין הייליגן פאטער רבי שלום שכנא פרוהביטש זי"ע, בן הרה"ק רבי אברהם המלאך זי"ע, בן המגיד הקדוש ממעזריטש זי"ע, און צו זיין מאמע הרבנית הצדיקת חוה ע"ה בת הרה"ק רבי אברהם מקאריסטשוב זי"ע חתן הרה"ק ר"ר נחום מטשערנאביל זי"ע. הרה"ק מטאהש זי"ע דערציילט עבר"ע ח"ג עמוד שנ"ו, און אזוי אויך ווערט עס דערמאנט אונעם מבוא פונעם ספר "עידין קדישין" אז דער רוזשינער זי"ע האט געזאגט אויף זיך זעלבסט, אז ער האט נישט פארגעסן די תורה וואס מען האט מיט אים געלערנט אויבן אין הימל איידער ער איז געבוירן געווארן. ביי די זעקס יאר אלט איז דער רוזשינער פאר'יתום'ט געווארן פון זיין טאטע, און ער איז אויפגעצויגן געווארן ביי זיין עלטערן ברודער, הרה"ק רבי אברהם מפרוהביטש זי"ע, און יעדע פארבייגייענדע טאג איז ער נתעלה געווארן על במתי התורה בדביקות ומדריגות עצומות.

דער רוזינער פלעגט זייער שטארק רעדן בגדלותו פון זיין עלטערן ברודער הרה"ק רבי אברהם מפרוהביטש זי"ע, זאגענדיג אז ער איז פון די צדיקים וועלכע זענען דבוק בהקב"ה בלי הפסק רגע. אין יאר תק"ע ווען דער רוזינער האט בר מצוה געהאט, האט ער שוין דאן אנגעהויבן אויפצושטעלן זיינע דורות, ווען ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדיקת מרת שרה ע"ה בת הגאון רבי משה זצ"ל ר"י באראדיטשוב ואב"ד בוטשא. נאך די פטירה פון זיין ברידער ווען דער רוזשינער איז געווען בלויז זעכצן יאהר אלט, איז ער אויפגענומען געווארן און נתמלא געווארן אלס ממלא מקומו בקודש אינעם שטאט פרוהביטש, און עטליכע יאר שפעטער זיך



אריבערגעצויגן אינעם שטאט 'רוזשין', און איבערגענומען דעם כס הרבנות, וואס אויף דעם שטאט ווערט ער אנגערופן עד היום הזה.

א חוץ די גרויסע געפאראכטע צום רוזשינער, פון די המון עם אידן וועלכע זענען זיך געקומען מסתופף זיין בצילו, בעצה ותושי', זענען רוב צדיקי בדורו כסדר געקומען צופארן צוזעהן די געוואלדיגע מורא'דיגע עבודה והתנהגות בעבודת ה', ווי אזעלכע מדריגות וענינים בעבודת ה' האט מען גאר זעלטן געזעהן. ווי דער הייליגער בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט זיך אויסגעדריקט אויפן רוזינער, נאך ווען דער רוזשינער איז געווען גאר א יונגערמאן, זאגענדיג: איך ווייס אז דער יונגערמאן וועט אויסוואקסן א קדוש אין זיינע מעשים בלתי לה' לבדו.




דער הייליגער אפטא רב זי"ע פלעגט זאגן ווען ער איז געפארן צום הייליגן רוזשנער זי"ע "כל המקבל פני רבו כאלו מקבל פני השכינה". מיר וועלן מער שפעטער רעדן וועגן די אלע צדיקים וואס זענען אלץ געקומען זיך מסתופף זיין בצילו.

און דאס איז געווען א גיוואלדיגער סמך וואס דער הייליגער רוז'ינער האט געהאט אויף זיך, וואס דער רוז'ינער אליין האט דאך געהייסן ישראל נאכן הייליגן בעש"ט הק' ווי פריער דערמאנט, און למעשה האט דאס געהייסן אז ער איז דער וואס דער בעש"ט הק' האט געמיינט.

און דאס איז געווען א געוואלדיגער גדלות וואס די צדיקים פון יענעם דור האבן אים מורא'דיג ארויף געקוקט, און צדיקים פלעגן זאגן אויף דעם דער פסוק וואס שטייט און תהלים, עלית למרום שבית שב"י, פלעגט מען זאגן שב"י איז ר"ת פון דריי צו פיר הייליגע נשמות וואס זענען געהאלטן געווארן און הימל, וואס זיי זענען אראפ געשיקט געווארן נאר אויף צו לאכטן דער וועלט, דאס איז שמעון בר יוחאי, וואס דאס איז די ר"ת פון שב"י, יצחק בן שמעון, וואס דאס איז דער הייליגער



האר"י הק', ישראל בעל שם, דאס איז דער הייליגער בעש"ט הק', און ישראל בן שכנא צו בן שלום, וואס דאס איז דער הייליגער רוזשינער.

## 'יחוס בריוו עד דוד המלך'

נאך א נקידה איז דא וואס און רוזשין איז דאס מורא'דיג שטארק אויסגעברייטערט געווארן שפעטער נאכן פטורה פון דער רוזשינער, אז זיי האבן געהאט א יחוס בריוו ביז דוד המלך, און דעמאלס איז א יחוס בריוו נישט געווען קיין אפטער ערשיינונג, ובפרט ביז אזוי ווייט ארויף, און כאטש אפי' וואס עס איז דא אסאך אסאך אייניקליך פון דוד המלך, און היינט יעדע צווייטע יחוס בריוו גייט ארויף ביז דוד המלך, אבער דעמאלטס איז דאס נישט געווען אזוי באקאנט, און מען האט נישט געוויסט פון אזוי סאך אייניקליך, און מען האט אונגענומען פון פארשידענע סיבות וואס עס איז נישט אזוי באקאנט און קלאר פארוואס, אז דאס זענען די יורשי מלכת בית דוד.

ווי באקאנט איז דער רוזשינער געווען גאר שטארק בידידות מיטן הייליגן רבי מאיר'ל מפרימישלאן זי"ע, אין טראץ וואס זיי האבן נישט געוואוינט אין איין שטאט, האבן זיי זיך אלעמאל געשיקט שליחים צווישן זיך, אהין און צוריק, מיט דיבורים קדושים ועמוקים, און זיי האבן אייביג אריינגעארבעט אין די עולמות העליונים אויפצוטוען לטובת בית ישראל, ובפרט אויף די גאולה שלימה העתידה.



# גדולי ישראל מתאספים בצילו של מרן הרוז'ינער



דער היילּיגער רוזשינער'ס טאטע הרה"ק רבי שלום שכנא האט שוין געזאגט גרויסע זאכן אויף זיין נשמה. עס איז געווען אמאל וואס דער הייליגער אפטער רב איז געקומען באזיכן דעם הייליגן רוזינער, אין דער אפטער רב האט געזאגט אויף אים גאר גרויסע הפלגות, ביים געזעגענען האט דער הייליגער רוזינער באגלייט דעם אפטער רב, אין דער רוזשינער'ס גארטל האט זיך אביסל אראפגעגליטשט, האט דער אפטער רב זיך אראפגעבויגן, און עס אויפגעהויבן, אין עס צוריק ארומגעבינדן אויף דעם הייליגן רוזשינער. דער אפטער רב איז געווען ארום די פופציג יאר אלטער פון דעם רוזינער, און איז געווען דעמאלטס פארעכנט אלס זקן האדמורי"ם.

ווען זיין זון האט אים געפרעגט היתכן ער לאזט זיך אראפ צו א יונגערמאן. האט דער אפטער רב געענטפערט: "איך האב געשפירט ווי איך מאך גלילה אויפן הייליגן ספר תורה".

דער צאנזער רב ז"ל איז אמאל געפארן צום רוזשינער אימיטן ווינטער, ווען די קעלט האט געדרוסן די ביינער, די מיטפארער האבן זיך געבעטן ביים רבי'ן זיך אפצושטעלן אביסל, זיך צו קענען דערוואַרעמען. אבער דער צדיק האט געזאגט: "ווי קען מען זיך פארגינען אפצושטעל, ווען מען פארט צו אזא קדוש עליון". ווען די גבאים האבן שוין נישט פארטראגן די קעלט, און געטראפן א תירוץ אז די פערד קענען שוין נישט גיין ווייטער, און מען מיז זיך אפשטעלן, האט דער צאנזער רב די גאנצער נאכט נישט צו געמאכט קיין אויג פון גרויס השתוקקות צו זעהן דעם הייליגן רוזשינער.

צוריקקומענדיג פון סאדיגורה, האט הרה"ק ר' שמעון סופר, בעל מכתב סופר, געפרעגט פונעם צאנזער רב: "וואס האט איר פון פארן צום רוזינער, איר זענט דאך אליין א גאון?". האט דער צאנזער רב אים געענטפערט: "הר סיני איז געווען די בארג ווי מ'האט געגעבן די תורה, פארט אבער האט מען נישט אויפגעבויט דארט דעם בית המקדש, נאר אויפן הר המורי", ווייל דארט האט א איד זיך אויסגעשטרעקט דאס האלז פארן אויבירשטן. איך זאג אייך, אז דער הייליגער רוזשינער איז גרייט יעדע רגע זיך אויסצושטרעקן דאס האלז פארן אויבערשטן. אין מען דארף דא באטוינען אז דער רוזשינער איז דאן ארום צוואנציג יאר אלט געווען, ער איז געווארן רבי






מורא'דיג יונג, ביי די זעכצן יאר האט ער שוין געפירט א גרויסן עדה הקדושה (ווי פריער דערמאנט).

# 'דער הייליגער רוזינער'ס דרך'

דער רוזשינער האט, ווי באקאנט, גאר אן אייגנארטיגען דרך אין זיין עבודה. א דרך וואס צדיקים האבן באוואונדערט, אין גלייכצייטיג אויך געזאגט אז אויף דעם דרך קענען גיין נאר גאר גרויסע מענטשן. נאך די חתונה פון די רוזשינער - ער האט חתונה געהאט ביי די פערצן יאר אלט - האט שוין זיין נאמען אנגעהויבן בארימט ווערן אז די שענסטע חסידים פון וואלין און פאדאלין האבן אנגעהויבן פארן צום הייליגן רוזשינער. עס איז געווען אז עמיצער זאל איינמאל פארן נאר באזוכן דעם יונגן רבי ישראל'טשע, אז ער זאל גלייך צוגעבינדן ווערן צו אים בלב ונפש. אבער שוין דעמאלס האט זיך געוואָרפן אין די אויגן די אינטערסאנטע התנהגות פון דעם יונגן רבי'ן. קודם כל אין דער אויסערליכקייט: דאס זיך באנוצן מיט די שענסטע קליידער און תכשיטים. דאס וואוינען אין א שיינע הערליכע פאלאץ. באצירט מיט די טייערסטע מעבל שטיקער און די שענסטע אנטיקן.

דאס איז נישט עפעס וואס יעדער קען נאכמאכן. געדאווענט האט דער הייליגער רוזינער שטיל, אנדערש ווי אלע אנדערע תלמידי הבעש"ט הק', עס איז געווען מקומות ווי מען האט געשריגן ביים דאווענען, אין זיך געשאקלט, אבער ביים הייליגן רוזשינער איז געווען שטיל, עס איז געווען ווי א מלכות, מען האט געדארפט זיין שטיל. דער הייליגער רוזשינער האט זיך געפירט ווי א מלך בכל פרטי 'ודקדוקי'. זיין הויז האט אויסגעקוקט ווי א קעניגליכער פאלאץ. פון אינעווייניג און פון אינדרויסן. אין דרויסן פון זיין גרויסן פאלאץ האט ער געהאט א גארטן וואס איז גרויסגעווען פיר מייל אויף פיר מייל. אין אן עקסטערן הערליכן שטאל פאר די פערד, מיט שיינע גאלדענע טירן, פון ריין גאלד. ער איז געפארן שטענדיג אין א קעניגליכער וואגן, געשפאנט צו זעקס ווייסע ריטערישע פערד, אין אן ארקעסטער פון צענדליגער שפילער איז שטענדיג געווען אין הויף. דעם רבי'נס נאמען איז באקאנט געווארן איבער די וועלט, נישט נאר צווישן אידן, נאר אויך צווישן גוים, און פילע גוי'אישע פריצים און דיפלאמאטן זענען געקומען באזוכן די פאלאץ, די טישן און בענק אין פאלאץ זענען אלעס געווען געמאכט פון ריין גאלד און פון ריין זילבער, ביים הייליגן רוזשינער איז אלעס געווען מיט שמחה, ווען מען האט נאר געקענט האט מען געטאנצן, ווי ער איז געפארן, זענען אלס מיט געפארן שפילער'ס, וואס האבן געשפילט א גאנצע וועג.

ווען ער איז געפארן ערגעץ זענען מיטגעפארן פארענט פון אים אגאנצער שיירה פון צוויי הונדערט וועגענער, אין וועלכע עס זענען מיטגעפארן די שטוב מענטשן, גבאים, אין צוגאב פון אלע קאך ארבייטער, וועלכע האבן מיט גענומען אלע קאך כלים, און אפילו דעם רבי'נס שוחט איז שטענדיג מיטגעפארן, אז מען זאל קענען דעם רבי'ן אלעס צושטעלן אויף זיין שטייגער. אין אונטער אים צען ווייסע ריטערישע פערד, אין די צוויי זייטן זענען געווען צוויי פאר פון ווייסע פערד, וואס דאס איז געווען פאר די שפילער'ס, וואס האבן געזונגען א גאנצע וועג. אט דער דרך פון מלכות איז גאר א הויכער, וואס נאר אזא הויכע נשמה ווי דער הייליגער רוזשינער האט געקענט אויף דעם גיין.



# 'ילד שנולד להם'

א קונד וואס איז געבוירן געווארן און מלכת בית רוזשין, איז עס געגאנגען אזוי: די רוז'ינער האט דאך געהאט אסאך קונדער, זעקס זוהן דריי טעכטער, א קונד וואס איז געבוירן געווארן און די רוז'ינע הויף, האט באקומען צוויי משורשית, צוויי פרויען וואס זיי האבן אים באדינט, און מען האט נישט געקענט זעהן דאס קונד, א קונד וואס איז געבוירן געווארן און די רוז'ינע הויף האט מען נישט געקענט זעהן און די גאס, ער איז דאך געבוירן געווארן און מלכת בית דוד, און עס קען זיין אז עפשער וועט פון דעם קונד זיין משיח, ממילא האט מען אים נישט געקענט זעהן, און עשירים פלעגן זיך לאזן קאסטן שווער טויזענטע דאלארן אלפים כדי צו קענען זעהן דעם נייעם געבוירענעם קונד ווײנען אונעם וויגעלע, און מען זאגט אז מיט די אלע געלטער האט מען געקענט אויס האלטן דעם רוזשין סאדיגורא הויף פאר צוויי יאר, נאר כדי צו זעהן דאס קונד. און מען האט נאר געלאזט די עשירים שטיין נאר פון דערווייט, און באימה וביראה זענען זיי געשטאנען זעהן ווי דאס קונד ווײנט, און עס איז געווען א דיוואלד'יגער פחד נאר פון זעהן דאס קונד.




די משורשים האבן זיך אויף געפירט צו דעם קונד ממש ווי א פרינץ, מען האט אים געדארפט באדינען א גאנצן טאג, און א גאנצער נאכט, האט מען געדארפט באדינען דעם נייעם געבוירענעם קונד, ווען דער יונגל איז געווארן דריי יאר אלט, האט מען נישט געוואלט אז פרויען זאלן אים באדינען, אז פרויען זאלן באדינען א דריי יעריגע יונגל, האט מען אים צוגעשטעלט פינעף מענטשן, פינעף מענער, דריי זענען געווען באדינער'ס, און צוויי זענען געווען מלמדים, דעי דריי מענטשן – גבאים, האבן אים געדארפט באדינען פשוט מיט גשמיות'דיגע זאכן, און יעדע קונד האט באקומען א אפטיילונג אונעם פאלץ, זייענע צוויי-דריי שטוב'ן וואס זענען געווען מיחוד פאר דעם קונד, און איין שטוב זענען געשלאפן די גבאים -משורשים, און א צווייטע שטוב האבן זיי פארברענגט מיט אים, און די אנדערע צוויי מלמדים, זיי זענען געווען אמת'ע הויכע געהויבענע אידן ת"ח, וואס דער רוז'ינער האט אליין אויפגענומען, און זיי האבן גארנישט געטארט פארציילן פאר קיינעם וואס זיי האבן געזעהן אדער וואס זיי האבן געהערט. עס איז געווען א סוד גמור, דער רוז'ינער האט זיי באשווארן און זיך אויסגענומען ווען ער האט זיי אויף גענומען צו זיין מלמדים אז איינער וואס וועט



קובץ ישראל אשר בך אתפאר

דערצליין וואס זיי האבן געזעהן, וועט אפ-געשניטן ווערן מעולם הזה ובעולם הבה, עס איז געווען א סוד גמור וואס מען האט פארקיינעם נישט געמעגט פארציילן.

# 'התפלל ב'חדר מיחוד'

און אזוי ווי שוין פריער דערמאנט, האט מען זיי קיינמאל נישט געזהן ברבים די קונדער, זיי זענען נישט אריין געקומען דאווענען און ביהמ"ד, זיי האבן געדאווענט אונעם "חדר מיחוד", וואס זיי האבן עס אנגערופן "קודשי קדשים", דארט ווי דער רוז'ינער האט געדאווענט איז געווען א "קודש קדשים", און דארט האבן אויך זיינע קונדער געדאווענט, עס איז געווען אזא אונטער טיר פונעם פאלץ ביז'ן קדשי קדשים, פון אונטער די ערד, און זיי האבן נישט געדארפט א דורך גיין די גאס, ממש אמאל וואס מען האט זיי געזעהן ארויסקומען, מענטשן וואס האבן זיי געזעהן האבן זיך געקענט שטאלצירן, וואס זיי האבן זוכה געווען צו זעהן דעם פרונץ, אבער בעצם איז ממש נישט געווען וואס מען האט זיי געקענט זעהן. ביז דער בר מצוה זענען זיי געגאנגען אנגעטוהן אזוי ווי א פרונץ און א מלכות'דיגער הויף, יעדע קינד האט געהאט א גאלדענעם שווערד, און א שיינעם גאלדענעם האלטער אזוי ווי די פרונצן. און מיט א גאלדענע יד זענען געגאנגען שיינע זייגער, געמאכט פון ריין גאלד. מיט דיימאנטן, זיי האבן זיך געפלעגט וואשן די הענט מיט שמעקעדיגע זייפן יעדע אונדערפרי, און דאס איז א אפי' דער רוז'ינער אליין אויך. און טאקע דערפאר וואס ער איז געווען פון אזא הייליגן אפשטאם, טאקע נאר דערפאר האט ער געהאט דעם כח צו גיין אויף דעם דרך וואס קיינער אנדערש האט נישט געקענט.






# 'מכאלי מלכת – ודברי אלקים חיים'

דער הייליגער רוז'ינער האט ממש נישט געגעסן, נאר א משי שבמשי מען פלעגט אים צוגרייטן פיל מיט מלכת'דיגע מכאלים, אבער ער פלעגט ממש גארנישט עסן.

ווען דער הייליגער רוזשינע האט געזאגט תורה, ער האט כמט נישט געזאגט קיין, אבער ווען יא איז עס געווען קארץ און שארף, און עפ"י רוב האט ער עס געזאגט נאר און לשון הקודש, און מען האט געדארפט פארשטיין. און ספר עירין קדישין שטייט בשם מרן האדמוה"ז מסאדיגורה זיע"א אז דער רוזינער האט יא געזאגט תורה ביים טיש שב"ק, און ביי יעדע יומא דפגרא, און עס שטייט דארט אז אסאך מאל ביי סעודות שלישית האט ער געזאגט תורה 'שעה רצופה', און אזוי אויך ווערט עס געברענגט און ספר בנין שלמה, אבות.

דער הייליגער רוזשינער זיע"א פלעגט ווי פארשטענדליך משמיע זיין דברי אלקים חיים, און רוסלאנד פלעגט דער הייליגער רוזשינער זאגן תורה טאקע פאר א לענגערע צייט, אבער און שטאט סאדיגורה שוין נאכן אנטלויפן האט די רוזשינער שוין נישט משמיע געווען אזעלעכע לאנגע אמרי קודש. איידער די רבי'ס לבית סאדיגורה פלעגן זאגן תורה, האט מען געזונגען דעם 'גלעקל ניגון' וואס די רבי ברימט זיך אונטער איידער זאגן תורה, דאס קומט נאך פונעם הייליגן רוזשינער, און דאס גייט נאך אן עד היום הזה.



מאמרותיו הקדושות: עס איז איבערגעבליבן דברי תורה ושיחות קדושות וועלכע זענען געדרוקט אין די ספרי "עירין קדישין". דער הייליגער רוזשינער האט שטענדיג געהאפט און געווארט אויף די גאולה השלימה, אז משיח צדקינו זאל קומען אויסלייזן די אידן, און ער פלעגט שטענדיג זאגן די פאלגענדע מימרא. וזל"ק: אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף, כי שיכלו משמעותו מלשון, כלתה נפשי, שהיא השתוקקות וכיסופין של ישראל לאביהם שבשמים, עד כלות הנפש.

האדמו"ר רבי מנחם נחום מבאיאן – טשערנוביץ זי"ע האט אמאל געזאגט: אויף דעם רוזשינער ויידן ז"ל קען מען זאגן לזכר עולם יהיה צדיק, כמעט די



עבדי ישראל אשר בך אתפאר

גאנצע וועלט רופט דעם דרך חסידות 'רוזשינער חסידית', דאס איז וואס שטייט ישראל אשר בך אתפאר (תפרת מנחם ג' חשון תרצ"ה).

עס פארציילט הרה"צ רבי יהושע גרינוואלד אב"ד חוסט זצ"ל, אז בתוך הדברים פונעם הייליגן רוזינער פלעגט ער אסאך מאל זאגן הנה יודע למי שיודע, וכן היא האמת, און ווי ער שרייבט און זיין ספר (מגלי צדק פ' פקודי עמ' קה). אז מרן הרה"ק מרוז'ין פלעגט אלץ צו זאגן 'נאר דער אמת פעהלט', ע"ש, ער פלעגט זאגן 'אלעס איז שיין, אבער דער אמת פעהלט'.

## 'דער צאר זעצט איין דער רוזשינער אין תפיסה'

און ווי כמה וכמה צדיקים האבן נאכגעזאגט, האט ער זיך ממש אריינגעלייגט אין א סכנה, פיזיש און גייסטיש, ווייל מיט זיין גרויסע עבודה האט ער געפירט א אפענעם מלחמה מיטן ס"מ. עס איז טאקע באקאנט אז צוליב די זאכן איז יצא עליו הקצף פונעם רוסישן צאר, וועלכע האט אים איינגעזעצט אין תפיסה, די מסכילים האבן אים געמסערט, אז ער וויל זיך פירן א אייגענע מליכה, אין ער איז געזעצן פאר פיפצן חדשים אין תפיסה, כבו"ק מרן אדמו"ר דער רבי שליט"א האט אמאל דערציילט, אז דער זיידע דער הייליגער רוזשינער האט א מאל געזאגט, אז און די פיפצן חדשים וואס ער איז געזעצן און תפיסה אין רוסלאנד, צו ער האט יא געהאט א שלחן ערך צו נישט, האט ער געענדיגט פיר מאל ד' חלקי שלחן ערך. האט כבו"ק די רבי שליט"א אויסגעפידט: דאס הייסט אז א איד דארף וויסן אז נישט קיין חוליק וועלכע מצב ער איז נאר צו ער איז אין א תפיסה צו אנדערהיים, איבערדאל דארף ער וויסן אויס צוניצן יעדע רגע, יעדע מנוט, אין מען זעהט אז ביי די צדיקים אפילו אין א זעליכע זמנים, אפי' אין די שווער'סטע מאמענטן האבן זיי געוווען לולי תורתך שעשעי אז אבדתי בעניי (תהלים קיט. ל). עכ"פ דער צאר האט געשפידט ווי דער הייליגער רוזינער מיט זיין כח הקדושה באזיגט אים זיין כח הטומאה.

דער 'שם שמואל' ברענגט פון זיין זיידן דער הייליגער קאצקער, אז אזא זאך וואס דער רוזשינער האט געטון, "שהתייצב כל כך בפרהסיא, להכניע את מעגלי צדק כוחה של קליפת המלך הרשע", איז זייער מסוכן. געווענליך דארף מען טון אזא זאך דוקא באהאלטן, אזוי באהאלטן אז אפילו א מלאך זאל נישט כאפן וואס מען טוט. אבער דער הייליגער רוזשינער האט זיך מוסר נפש געווען פאר כלל ישראל, און געפירט אן אפענעם קאמף מיט דעם גרויסן קליפה. עד היום האט מען קיינמאל נישט געטראפן קיין געהעריגע 'לעגאלע' טענות וואס דער צארישער רעגידונג האט געהאט אויפן הייליגן רוזשינער, ווייל באמת איז טאקע נישט געווען גארנישט אויף אים. דאס איז געווען א ריכטיגער מלחמה צווישן די קדושה און די טומאה.

דער צאר האט דאן איינגעזעצט דעם הייליגן רוזינער אין תפיסה, וואו ער איז געזעצן קרוב צו צוויי יאר, אנדעם וואס מען זאל אים אפילו אנקלאגן אויף עפעס, ביז מען האט אים ארויסגעלאזט, נאר ביז מען וועט מחליט זיין וואס צו טון ווייטער, דאן האט דער צדיק זיך דערוואוסט אז דער צאר פלאנט אים צו פארשיקן אין טיפן סיביר.



# 'דער רוזשינער אנטלויפט פון רוסלאנד'

דער הייליגער רוזינער האט דאן געפאסט א שווערע באשלוס, און אנטלאפן פון ראסלאנד, קיין עסטרייך, אין וואו ער האט, נאך א תקופה, זיך באזעצט אין סאדיגורא.

צען יאר פאר מען האט איינגעזעצט דעם הייליגן רוזשינער און תפיסה אין רוסלאנד, איז אמאל אויף שב"ק געקומען צום הייליגן רוזשינער דער זקן האדמורי"ם הרה"ק ר' מאטעלע טשערנאבעל'ער זצ"ל, ביים פרייטאג צונאכט טיש זענען ביידע צדיקים געזעצן מיט א גיוואלדיגער ערענסקייט וואס אלע חסידים האבן דעמאלס געפילט, און פארוואס דער טיש איז געווען אזא טיפן ערענסקייט האט נאטירליך קיינער פארשטאנען, אבער די פחד וואס האט אלעמען באהערשט איז געווען אין לשער, די נשמה איז שיעור נישט ארויסגעגאנגען פאר מורא. עפעס א קליינינגקייט, אזא ערענסקייט, אזא שטילשווייגן, קיין שום זייטיגער האט עס נישט געקענט משיג זיין. פלוצלינג רופט זיך אהן דער הייליגער טשערנאבלער צום רוזשינער: רוזשינער רבי! זאגט עפעס תורה!

דעמאלס איז געווען פרשת וישב. טראכט נישט לאנג דער רוזשינער און הייבט אן כהאי לישנא: - ויוסף הורד מצרימה (און יוסף איז געברענגט געווארן קיין מצרים) יוסף מיינט מען דעם צדיק הדור, מצרים מיינט מען קיעוו...

דאס איז געווען די גאנצע תורה ,מער האט דער רוזשינער נישט גערעדט און גלייך אנטשוויגן געווארן. אבער דער הייליגער טשערנאבלער איז גלייך אויפגעקאכט געווארן און מיניה וביה אויסגעשריגן: - רוזשינער רבי! מיך לאזט צורוה. איך בין שוין צו אלט, מיינע כוחות דינען מיר שוין נישט מער דערצו. דערויף האט דער רוזשינער געגענטפערט. - נו. מילא?...

דאס איז פארגעקומען צען יאר פאר מען האט איינגעזעצט דעם הייליגן רוזשינער און תפיסה, אין אנהייב האט די דאזיגע פלא'דיגע מעשה געמאכט א שטארקן גרויסן רושם און מען האט דערפון זייער פיל גערעדט. אבער צוביסליך האט מען פון דער מעשה פארגעסן, און ווען מען האט אפגעפידט דער הייליגער רוזשינער קיין קיעוו, אין תפיסה האט מען זיך ערשט דערמאנט פון דער מעשה, וואס דער הייליגער רוזשינער האט שוין געזעהן מיט צען יאר פריער. - וויבאלד די געשיכטע איז א לאנגע, וועלן מיר פראבירן אראפצוברענגען די עיקרי הדברים וואס זענען נוגע און די מעשה - ווען מען האט אריינגעפירט דער הייליגער רוזשינ'ער אין דעם ענגן צימערל פון דער תפיסה, האט דער הייליגער רוזשינ'ער דאן געטייטשט דעם פסוק אין תהילים: "גם כי אלך בגיא צלמות" - אפילו איך דארף גיין אין טהאל פון טויט, "לא אירא" שרעק איך זיך דאך נישט, "רע", שלעכט איז נאר, "כי אתה עמדי", אז כביכול קודשא ברוך הוא, מוז ליידן צוזאמען מיט מיר - שכינתא בגלותא.

ווען דער הייליגער רוזשינער איז אנגעקומען אין דעם תפיסה קאמערל, וואס איז פאר אים באשטימט געווארן ,האט ער זיך שטארק צווייגט אויסרופענדיג: ווי איז מיין זיידע דער מגיד! ווי איז מיין זיידע דער מלאך! פארוואס דערציילט מען זיי נישט פון מיין אומגליק!... דער רוזשינער האט אנגעהויבן שפאנן אין דעם ענגן חדר'ל, אריינפאלענדיג אין א טיפער דבקות. ווי לאנג דער הייליגער רוזשינער האט זיך געפינען און אזא צושטאנד איז שווער צו זאגן אבער אט איז



ארייגעקומען אין דער תפיסה דער רבי'ס מחותן, דער גרויסער מיליאנער ר' יעקב יוסף האלפערן, וועלכער איז געווען א גרויסער מקורב ביים קיעווער גובערנאטאר, גראף באבריקאוו.

נישט לאכט איז אנגעקומען דעם רבי'נס מחותן אריינצוקומען אין דער קאמער, ווי די רבי איז געווען פארשפארט. אבער פאר א איד א מיליאנער איז אין אמאליגן רוסלאנד נישט געווען קיין אוממעגליכקייטן... אריינקומענדיג אונעם רבי'נס חדר, האט ער אים געטראפן שטיין ביי דער וואנט א שטארקער פארקאכטער, א גאנץ לאנגע צייט איז דער רבי געשטאנען אזוי אומבאוועגליך און נישט באמערקט. ענדליך האט זיך דער רבי אומגעקערט און געזעהן זיין מחותן, וועלכע ער האט מיט גרויס פרייד באגריסט.

אבער דער נגיד האלפערן איז געבליבן שטיין א צוקאכטער. ער האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט דעם רבי'ן צו טרעפן אין אזא מצב. דער רבי, דער מקור פון שמחה, דעם אויסגעשפראכענער קעגנער פון עצבות און שפלות, וואס איז דא געשעהן? פאר גרויס איבערראשונג האט האלפערן קיין ווארט פון מויל נישט געקענט ארויסברענגען. אבער דער רבי האט פארשטאנען די סיבה פון זיין מחותן פון האלפערנ'ס פארלעגענהייט און אויסגערופן: איך ווייס ליבער מחותן, אז איר זענט איבערראשט, פארוואס איך בין אריינגעפאלן אין עצבות, ווען איך האט שטענדיג געלערענט מיינע חסידים, אז עצבות, איז ממש עבודה זרה, חלילה. - מוז איך אייך זאגן, אז נישט צוליב מיר, צוליב מיין פערזענדליכן אומגליק בין איך אריינגעפאלן אין עצבות, מיין פערזענדליכע אומגליק איז מיר נוגע ווי דער פאריעריגער שניי. איך בין אריינגעפאלן און אזא שרעקליכע טרויער, בלויז צוליב דעם, וואס צוזאמען מיט מיר מוז אויך ליידן די הייליגע שכינה כביכול.

## 'מלך זקן וכסיל'

אין דער הייליגער רוזשינער האט דאן געזאגט: ס'איז מיר אלעמאל געארט די קשיא, מיר רופן אן דעם יצר הרע 'מלך זקן וכסיל', מילא 'מלך' ווערט ער אנגערופן ווייל ער הערשט איבער דער מענטש, 'זקן' ווייל ער קומט צום מענטש פון זיין פריסטער יוגענד, אבער "כסיל "פארוואס ווערט ער אנגערופן אזוי? ער איז דאך קיין נאר נישט?... נאר - האט דער רוזשינער צוגעגעבן - זיצענדיג דא און תפיסה האב איך דאס פארשטאנען, ווייל זיצענדיג אין תפיסה איז דער יצר הרע נישט אפגעטרעטן פון מיר אויף קיין איין מינוט. האב איך גע'טענה'ט צו אים מילא איך מוז זיצן און תפיסה, כ'האב נישט קיין ברירא נישט, אבער די 'שוטה' איינער, פארוואס זיצטו אין תפיסה?...

(בדרך אגב כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר מתולדות אהרן שליט"א האט אמאל און א געלעיגענהייט נאכדעזאגט פון זיין טאט'ן ז"ל בעל דברי אמונה בערך די זעלבער ווארט רעדענדיג צו די תלמידי ישיבתו: מיר רופן אן דעם יצר הרע 'מלך זקן וכסיל', מילא 'מלך' ווערט ער אנגערופן ווייל ער הערשט איבער דער מענטש, 'זקן' ווייל ער קומט צום מענטש פון זיין פריסטער יוגענד, אדער ווייל ער איז שוין דא טויזענטער יארן, אבער "כסיל "פארוואס ווערט ער אנגערופן אזוי? ער איז דאך קיין נאר נישט?... ער פארדרייט קליגע מענטשסן מוחות! נאר וואס דען - האט דער תולדות אהרן רבי צוגעגעבן – אז ווען מען איז א בחור און ישיבה, צו בין הזמנים און גאס, אין דער יצר הרע קומט און פארדרייט דיר דעם קאפ מיט נארישע זאכן ל"ע, וכו', און די ביסט די שוטה וואס



לזכר ישראל אשר בן אסתר

לאזט זיך פון דעם שוטה, איז ווערסטו דאך א שוטה, דרייט זיך דער יצר הרע מיט א שוטה, איז דער בחור האט א ברירא א וועקצו לויפן פון דעם שוטה אבער אז די גייסט נישט זעטעטץ צוויי שוטים וואס דרייען זיך אינאיינעם, איז יא די קענסט זיין אפילו א 'מלך' קענסט שוין זיין אפילו א 'זקן' אבער עכ"ז א 'שוטה' ביסטו...).

# 'מלאכים לידעל'

מען פארציילט, אז די וועכטער פון תפיסה פלעגן אויפציטערן הערענדיג דער הייליגער רוזשינ'ער זינגען זיין "מלאכים לידעל" וואס איז שפעטער געזונגען געווארן ביי אלע חסידים, אפילו נישט רוזשינ'ע. (א שאד וואס איך קען דא נישט איבערגעבן די ניגונה פון דעם ליד - איך קען דאס נישט אזוי גוט - עס קלינגט אזוי הימליש און באגייסטערנד). די ווערטער זענען אזוי:

"מלאכים, און שרפים, ואופנים, וחיות הקודש, פרעגן וואו איז גאט?"

"אוי וועה"!

"וואס ענטפערט מען זיי?"

"לית אתר פנוי מינה".

די חסידים האבן מרעיש עולמות געווען, דעם הייליג צדיק צו באפרייען. פון קיעוו ביז פעטערסבורג איז אויסגעלייגט געווארן ממש א גאלדענע בריק. מען האט געשאטן מיט גאלד פון אלע זייטן. מען האט סיסטעמאטיש עראבערט יעדן טשינאווניק פון קלענסטן ביז צום גרעסטן, פון וועמען מען האט נאר געהאפט א שטיקל טובה. ענדליך, נאכדעם וואס דער הייליגן רוזשינ'ער איז געווען אין תפיסה צוויי-און-צוואנציג חדשים, צוערשט אין קיעוו און שפעטער אין קאמעניץ, איז געלונגען אים צו באפרייען, מיט דער באדינגונג, ער זאל קיינמאל נישט ארויספארן פון דעם שטעטעלע רוזשין, ביז מען וועט זען וואס צוטון מיט אים.

אם שושן פורים שנת ת"ר לפ"ק, איז דער הייליגער רוזשינ'ער ארויס פון תפיסה אין קיעוו, און זיך צוריק באזעצט אין רוזשין. דער הייליגער רוזשינ'ער האט אבער גוט געוויסט, אז אזא באפרייאונג איז גאר קיין באפרייאונג, און האט אויך גוט געוויסט אז די מוסרים וועלן נישט שווייגן, און ווייטער מסר'ן, די מקורבים האבן אויך געוויסט אז די רוסישע רעגירונג זוכט מיט אלע מעגליכקייטן דעם הייליגן רוזשינ'ער צו באזייטיגן, און וועט פריער אדער שפעטער געפינען א וועג, אין זיי האבן באשלאסן אז דער הייליגער רוזשינ'ער מוז פון רוסלאנד אנטלויפן. די מקורבים פון דער הייליגער צדיק האבן דער זאך פארשטאנען פונק ווי זייער הייליגן רבי'ן, אז ער מוז פון רוסלאנד אזוי שנעל ווי מעגליך אנטלויפן.

די אנטלויפן איז געווען א העכסט געפערליכע פלאן. אלע האבן געוויסט אז טאמער דער צדיק וועט געכאפט ווערן מיינט דאס אין בעסטן פאל, אויב נישט טויט, אייביגע סיביר. אבער פארלאזענדיג זיך אויף דעם זכות פון צדיק, אין דערנאך אויף די מיליאנען דאלארן וואס זענען געשטאנען צו די רעכטע האנט, האבן זיי דאס געפערליכען שפיל אונטערגענומען, האפענדיג אז אלעס וועט דורכגיין בשלום. אינמיטן וועג נאך ביים אנטלויפן קיין עסטרייך, האט דער הייליגער רוזשינ'ער אראפ געווארפן אפאר זאכן, א טאביק פישקע, מיטן טיליפ, מיט נאך אפאר זאכן, אין ווען די רוסישע פאליציי זענען אנגעקומען אהין ביים אים נאכלויפן, אין געזען די הייליגע חפצים,



איז עס געווען ביי א פלאץ ווי מען האט געקענט גיין גראד, און מען האט זיך געקענט איינדרייען. האבן זיי געמיינט אז דער רוזשינ'ער האט זיך זיכער דא איינגעדרייט. ווען בשעת מעשה לויפט דער רוזשינ'ער מיט שמאליק שמש צום וואסער. - איז יעצט לאמיר זעהן וואס האט ביים וואסער פאסירט.

## 'הרה"ק מפרעמישלאן מאכט א מופת מיט צען יאר פריער'

מיט יארן פארדעם גאנצן געשיכטע, נאך אסאך פאר מען האט בכלל דעם הייליגן רוזשינער אנגעפאנגן מסר'ן, איז געווען א איד א גרויסער רייכער סוחר, געהייסן האט ער נתן שמעון, וואס האט געפירט גרויסע מסחרים אויף דער גרעניץ צווישן רומעניען און עסטרייך. גאנצע חדשים פלעגט ער אפזיצן אין יאסי, אין גאלאץ, אדער אין טשערנאוויץ, זייענדיג צוליב דעם אויסגעקאכט מיט נאטשעלסטווע פון ביידע מדינות. קיין גרויסער יראת שמים איז ער נישט געווען, נישט אלס פלעגט ער נזהר זיין אין מאכלות אסורות און בכלל האט ער אזוי נישט מדקדק געווען אין אידישקייט, ווער שמוסט נאך פון א גוטע איד האט ער אוודאי נישט געהאלטן, אדרבה, ער מיט זיינע געשעפט'ס פריינד פלעגן נאך פון זיי גאר שטארק אפלאכן און חוזק מאכן, ווי נאר זיי זענען צוזאמענגעקומען אין פרייער צייטן.

דער נתן שמעון'ס פרוי איז אבער יא געווען א ערליכע, און פונקט ווי איר פאטער איז זי געווען א פרעמישלאנער חסיד, פלעגט זי אפט פארן צום הייליגן ר' מאיר'ל און אויסגיסן פאר אים איר ביטער הארץ, אין זי האט קיין קונדער נישט געהאט. נאטירליך האט איר מאן קיינמאל איר געלאזט פארן קיין פרעמישלאן, אבער ווי נאר איר מאן איז געפארן קיין רומעניע, פלעגט זי גלייך לאזן איינשפאנען איר פערד און בריטשקע און אפגעפארן צום הייליגן פרעמישלאנער בעטן א ישועה.

ר' מאיר'ל פלעגט איר אבער קיינמאל נישט צוזאגן ווילאנג זי ברענגט נישט מיט איר מאן. אנדערש זעהט ער נישט פאר איר קיין עצה. אבער לאכט צו זאגן ברענג דיין מאן, אז ער איז אונגאצן פארפארן, האלט בכלל נישט פון קיין רבי'ס און רעדט אויף זיי כל דבר אסור... פלעגט שטענדיג נתן שמעון'ס ווייב אהיימפארן פון פרעמישלאן מיט א צובראכן הארץ, שפירענדיג באזוך מורא'דיג צובראכן אין צוקלאפט. אבער פארצווייפלט איז זי נישט געווארן און זי האט נישט אויפגעהערט ווייטער צו פארן קיין פרעמישלאן, אפשר וועט זיך פארט מאכן אן עת רצון. אין זימער אין יאר ת"ר ווען די פרוי איז ווידער אמאל געקומען קיין פרעמישלאן, האט זיך צו איר דער רבי אנגערופן: פאר אהיים, און גלייך ווען דיין מאן וועט אהיימקומען פון גאלאץ, ווי ער געפינט זיך יעצט זאלסטו אים זאגן, אז מאיר'ל פון פרעמישלאן האט באפוילן, אז ער זאל תיכף קומען צו פארן קיין פרעמישלאן, און א סימן זאלסטו אים געבן, אז פאר אכט טאג צוריק דאנערשטאג ל"ג בעומר איז ער געזעצן אין גאלאץ אין א גוי'אישע ווייין שענק צוזאמען מיט זיינע גוטע פריינד און מען האט חוזק געמאכט פון מאיר'ל פרעמישלאנער... און ווען ער וועט דערזעהן דעם דאזיגן סימן מובהק, וועט ער זיכער קומען צוזאמען מיט דיר קיין פרעמישלאן און דאן זאג איך דיר אז די וועסט געהאלפן ווערן.



די פרוי איז שנעל אהיימגעפארן פון פרעמישלאן אין מיט אומגעדולדיג געווארט אופן אנקומען פון איר מאן. גלייך ווען נתן שמעון איז אהיימגעקומען פון גאלאץ האט אים די פרוי ווידעראמאל געבעטן עז זאל פארן קיין פרעמישלאן... אבער ווי דער שטייגער ביי נתן שמעון האט ער זיך אויך דאס מאל אויך אויסגעלאכט פון איר פאדערונג. דאן האט זי אים איבערגעגעבן דעם סימן וואס די רבי האט איר געהייסן זאגן. נתן שמעון איז געווארן נבהל ונשתומם פון דעם דאזיגן ווארטצייכן. דער ענין האט זיך אנגעהויבן איינצוקריצן אין זיין מוח. איז ער א רבי, דער פרעמישלאנער. - האט ער צו זיך גערעדט - און ער ווייסט וואס עס איז פארגעקומען מיט א הונדערט מייל ווייטער. און סוף כל סוף האט ער באשלאסן צו פארן קיין פרעמישלאן און כאפן א שמועס מיט'ן רבי'ן ר' מאיר'ל. היות אבער ער האט זיך געשעמט פון זיינע חברים צו דערציילן אז ער פארט קיין פרעמישלאן, האט ער זיי דערציילט אז ער פארט געשעפטליך קיין לעמבערג, און פון לעמבערג קיין פרעמישלאן איז אינגאנצן אפאר מייל, שפילט נישט קיין ראלע זיך אריבערצוכאפן.

אריינקומענדיג צום רבי'ן האט אים ר' מאיר'ל געגעבן שלום פרעגנדיג דערביי: פון וואנען איז א יוד? איך בין פון שאץ אין באקאווינע, מיין נאמען איז נתן שמעון בן רבקה רייזעל. צו וואס זשע זענט איר געקומען אהער? איך בין געקומען צום רבי'ן מיט א בקשה אז מיין ווייב זאל געהאלפן ווערן מיט קונדער. דערביי האט ער אראפגעלייגט אויפן טיש א קוויטל מיט א היבשן גרויסן פדיון. זאגט נישט קיין ליגנט, מיין ליבער איד - האט דער צדיק אויסגערופן - איר זענט דאך געפארן קיין לעמבערג און נישט קיין פרעמישלאן, אז מען פארט צום רבי'ן דארף מען זיך נישט שעמען דערמיט, געפארן אדער נישט געפארן. פארט זשע זייט מוחל צוריק אהיים און קומט אהער א צווייט מאל. נתן שמעון איז נאך מער נתפעל געווארן פון רבי'נס אפענעם רוח הקודש, און באשלאסן טאקע צו פאלגן דעם רבי'ן און צוריק קומען קיין פרעמישלאן א צווייט מאל. אבער ווי נאר ער איז אהיימגעקומען האבן אים זיינע גרויסע עסקנים פארשלעפט קיין רומעניען און ווידער איז אוועק עטליכע חדשים.

קומענדיג דאס מאל א היים אויף שבת נחמו, האט דער ווייב מער נישט מיט אים געדארפט ארבעטן, אז ער זאל פארן קיין פרעמישלאן ווייל ער האט איר גלייך מודיע געווען אז אויף דעם קומענדיגן שבת פארט מען קיין פרעמישלאן. דאס מאל האט אים ר' מאיר'ל זייער פיין אויפגענומען, ער האט אים געגעבן ביים ליינען אין בית המדרש שבת במקום כהן און דערביי צווייי מאל אים פארגעליינט דעם פסוק "ולא יהי' בך עקר ועקרה". ביים מי שברך האט נתן שמעון געוואלט מנדר זיין א היבש'ע גרויסער סומע געלט, אבער דער רבי וועלכער האט אליין געמאכט דעם מי שברך האט זיך צו אים גארנישט אומגעקוקט און אויסגערופן: בעבור שנדב לעזור לישראל (ווייל ער איז מנדר צו העלפן ישראל'ן...) נאכן מי שברך האט ער זיך געווענדעט צו נתן שמעון און אויסגערופן: ווייסט וואס ישראל איז דער טייטש? - ישראל מיינט מען א איד אן אמת'ן איד, אויף וועלכן עס איז געזאגט געווארן, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל - דאס מיינט מען א איד וואס האט מלחמה געהאלטן מיט דער פמליא של מעלה און מיט דער פמליא של מטה און ער איז זיי אלע בייגעקומען. דעם איד מוזסטו העלפן ווען די צייט וועט קומען, אפילו ווען עס וועט האלטן ביי סכנות נפשות, און די וועסט אויף דעם זיך מקבל זיין, דעם דאזיגן איד צו העלפן, זאג איך דיר צו, אז די וועסט נאך פאראויס געהאלפן ווערן מיט א בן זכור.



דאס איז געווען א יאר פריער, פאר דער הייליגער רוזשינער האט זיך געפינען אין דער לאגע אריבערצושווערצן פון רומעניען קיין עסטרייך. נאטירליך איז איבעריג צו זאגן אז דער הייליגער פרעמישלאנער'ס ברכה איז מקיום געווארן און אויך נתן שמעון האט גוט געדענקט זיין נדר. אין דער זעלבער נאכט ווען דער רוזשינער איז געקומען צו דער עסטרייכישע גרעניץ, האט פונקט געוויילט אויך דארט אונזער נתן שמעון צוליב זיינע עסקים. ווי נאר ער האט זיך דערוויסט אז דער גרויסער צדיק וקדוש רבי ר' ישראל'טשע פון ריזשין געפינט זיך אין א גרויסער סכנה האט ער זיך דערמאנט פון יענעם שמוס און נדר. דאס הארץ זיינע האט אים אנגעהויבן העפטיגער קלאפן און ער האט באלד אנגעהויבן פילן, אז אט דעם ישראל האט ער מיט א יאר צוריק א נדר געטון צו העלפן אין א עת צרה.

נתן שמעון האט זיך גלייך געווענדעט צום הייליגן רוזשינער און אים ערקלערט זיין גרייטקייט אים אריבערצופירן דעם גרעניץ. צווישן רומעניען און עסטרייך איז געלאפן א שמאלער טייך און אט האט נתן שמעון באשלאסן אין דעם פראסטיגן נאכט צו נעמען אויף די פלייצעס דעם הייליגן רוזשינער און אים איבערן אייז אריבערטראגן אויף יענע זייט. די סכנה איז טאקע געווען גרויס, איבערן וואסער האט זיך נארוואס געהאט פארשפרייט א דינע אייז דעק, אבער נתן שמעון איז געווען זיכער אז אין דעם זכות פון הייליגן רוזשינער און אין זכות פון דעם רבי'ן ר' מאיר'ל פרעמישלאנער, וועט זיי ביידן קיין שלעכטס נישט געשעהן. אין נתן שמעון איז געקומען צום רוזשינער און פארגעשטעלט דעם פלאן, ווי אזוי ער מיינט אים אריבערצוטראגן דעם גרעניץ. האט דער רוזשינער גלייך דערצו מסכים געווען, און ארום 12:00 אזייגער האט זיך אנגעהויבן די געפערליכע רייזע. דאס אייז האט שווער געקרעצט אונטער נתן שמעון'ס פיס, דער רייכער סוחר, וועלכע איז געוואוינט צו פארן אין אן אייגענעם קאטש האט איצטער איינגעשטעלט זיין לעבן אין א סכנה און אויף זיינע פלייצעס געטראגן דעם הייליגן רוזשינער.

## 'עולם הבא'

אנקומענדיג אין מיטן טייך, האט זיך נתן שמעון פלוצלינג אפגעשטעלט. ער גייט נישט ווייטער, דער רוזשינער האט זיך שטארק דערשראקן און אויסגערופן: וואס איז געשען? עס איז גארנישט געשען, הייליגער רבי! אבער עס איז געקומען די צייט וואס איך זאל מיר איינמאל קויפן עולם הבא. איר זאלט וויסן רבי, אז איך האב אויף מיין לעבן, זייער אסאך שווערע עבירות געטון, און איך ווייס אויף זיכער אז איך וועל נאכן טויט גיין אין גיהנים אריין, אבער יעצט וויל איך פון אייך, דאס אז איר זאלט מיר צוזאגן עולם הבא אויב נישט גייען מיר נישט ווייטער. דער רוזשינער האט גלייך דערצו מסכים געווען אויסרופענדיג דערביי: איך האב הנאה, אז א איד האט שכל אויך צו אזא זאך. אריבערקומענדיג אויף די עסטרייכישע זייט, האט נתן שמעון געדינגען א שליטן קיין קימפעלינג, דאס ערשטע גרויסער שטעטל ביי דער גרעניץ. דארט האט זיך דער רוזשינער אויפגעהאלטן אין אן אכסניא און מיט דעם זעלבן שליטן איז נתן שמעון געפארן קיין קאסוב, אנקומענדיג קיין קאסוב זענען זיי געגאנגען צום מחותן פון דעם הייליגן רוזשינער דער הייליגער תורת חיים פון קאסוב אין שטוב, אנזאגן די גוטע בשורה, אז דער הייליגער רוזשינער געפינט זיך



שוין בשלום אויף דער עסטרייכישע זייט. אלעס איז טאקע דורך בשלום, דער הייליגער רוזשינ'ער איז אריבער דעם גרענץ. פריער נאך רומעניען און שפעטער נאך עסטרייך.

אויסגעפינענדיג פון דעם אנטלויפן, איז די רוסישע רעגירונג געווארן אויסער זיך פאר רציחה. זי האט ארויסגעגעבן א באפעל צוריקצוברענגען דעם אנטלאפענעם, א לעבעדיגן אדער א טויטן. אין זיי האבן אנגעהויבן נאכלויפן דעם הייליגן צדיק. אבער זיי האבן זיך איינגעדרייט דארט ווי דער צדיק האט אראפ געווארפן זיינע זאכן, (ווי פריער דערמאנט) אין עס איז שוין געווען צו שפעט אים צו כאפן. ער איז שוין געווען די אנדערע זייט. אינמיטן האט דער רוסישע רעגירונג אויסגעפינען אז דער הייליגער רוזשינ'ער געפינט זיך אין קאסוב, גאליציע, ביי זיין מחותן דער צדיק הרה"ק רבי חיים מקאסוב בעל תורת חיים זצ"ל, דאס איז געווען פאר איר א העכסט וויכטיגע אנטדעקונג, ווייל ביידע לענדער האבן געהאט א אפמאך ארויסצוגעבן אנטלאפענע ארעסטאנטן איינע צו דער צווייטער, רוסלאנד האט טאקע באלד געפאדערט פון עסטרייך ארויסצוגעבן דעם "מורד במלכות" ישראל פריעדמאן.

די געשיכטע איז געווארן נאך ערגער ווייל צוליב דער הייליגער רוזשינ'ער'ס פאמיליע, זענען פארבליבן אין רוסלאנד. אין די רוסישע רעגורונג האט א שטרענגן באפעהל געהייסן שטעלט באוואכן דאס הויז ווי זיין פארמילע איז געווען - ווען דער רוזשינער איז אנטלאפן האט זיין פארמיליע געוואוינט אין קישינעוו - אין מען האט דארט געשטעלט וואך טאג און נאכט. דער רוסישער צאר האט דאן געלאזט רופן דער הייליגער רוזשינ'ערס עלטסטער זון הרה"ק ר' שלום יוסף'ניו, אין אים געגעבן א ברירה: אדער ברענגסטו צוריק דיין טאטע דא קיין רוסלאנד, אדער איר מיט דיין מוטער און אלע קונדער וועט מען אפשיקן צום קאלטן 'סיביר'.

דער צאר האט געצווינגען הרה"ק ר' שלום יוסף'ניו זאפארט צו שרייבן א בריוו צו זיין פאטער מיט דעם דאזוגן "ברירה", און ווארענען דעם פאטער, אז אויב קומט ער נישט באלד צוריק קיין רוסלאנד, וועט ער פאראומגלוקן ווייב און קונדער פאר אייביג. הרה"ק ר' שלום יוסף'ניו האט אזא בריוו געשריבן, און דער צאר האט דעם בריוו געשיקט מיט א שליח מיחוד קיין קאסוב. די רביצין, דער הייליגער רוזשינער'ס ווייב הצדקנית הרבנית מרת שרה, האט פארשטאנען, אז אויב דער רוזשינער איר מאן, וועט זיך דערשרעקן אין צוריקקומען קיין רוסלאנד, איז ער פארלוירן אויף אייביג. איר איז געלונגען ארויסצושיקן אן אנדערן בריוו צו איר מאן, אויך דורך א שליח מיחוד, אין וועלכע זי טוט אנווערענען איר מאן, אז ער זאל ח"ו נישט צוריקקומען, נאר זאל אנטלויפן קיין ענגלאנד אדער פראנקרייך.

דער בריוו פון דעם רביצין ליגט ארייגעדריקט אין די ספר 'החסידות והחסידים', אין זי שרייבט אין די בריוו אזוי: "זאלסט וויסן, אז מען האט אונז ארומגעשטעלט מיט באדינקעס און דער גובערנער האט געשיקט רופן בני שלום און ער האט אים געזאגט, אז דו ווערסט נישט אהיימקומען וועט ער אונז ח"ו פארשיקן און ער האט אונז געהייסן שרייבן א בריוו צו דיר דו זאלסט אנדערש נישט טון נאר אהיים צו קומען. נאר מיר זאגן נישט קיין דעה, און אז דו ווילסט נישט אהיים קומען דארפסטו נישט איז קיין אנדערע באווארניש רק אל צרפת או אונגליה". (פראנקרייך אדער ענגלאנד).



די רביצין האט מוראגעהאט אז איר בריוו וועל די רוסין טרעפן, האט זי געשריבן אז 'אויב ווילסטו נישט, מוז ער נישט', איז רק אל צרפת או אונגליה. עס איז גאנץ מעגליך אז דער הייליגער רוזשינער וואלט וועגן געפאלגט זיין ווייב, און ער וואלט אנטלאפן קיין ענגלאנד אדער פראנקרייך. אבער ווי עס שטייט אין פסוק: "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל" דער השי"ת פון "ישראל" שלומערט נישט און שלאפט נישט. דא איז געשעהן א נס מן השמים. אבער טאקע אן אמת'ער נס.






# 'מעשה נורא – הילד ישראל דאנעפעלד מעיר סאדיגורה'

די געשיכטע וויאזוי דער הייליגער רוזשינער איז אריין אין סאדיגורא איז געווען אזוי: אין דאס האט ווידעראמאל מיט א מופת פון הרה"ק רבי ר' מאיר'ל מפרעמישלאן: דאס שטעטעל סאדיגורא וואס איז לעבן טשערנאוויץ (כהיום איז סאדיגורא און טשערנאוויץ, און נישט א שטאט פארזיך) איז געווען שטארק פאראראמט. אין די איינוואוינער'ס האבן ממש נישט געהאט קיין לחם אויפן טיש. דער גראף צו וועימען דער שטעטל האט באלאנגט, האט געזוכט מיטלען פון דעם צרה פטור צו ווערן. היות ווי די נאמען פון דעם גרויסן רבי ר' מאיר'ל מפרעמישלאנער איז אין יענע מקומות געווען שטארק מפורסם, מען פלעגט זיך אסאך דערציילן ווינדערליכע מעשיות פון זיין גדלות און פון זיין רוח הקודש, אז ווער עס באקומט אן הבטחה פון הייליגן מפרעמישלאנער איז א געהאלפענער, האט דער סאדיגור'ער פראפינאטאר קיין סאך נישט געקלערט און אפגעפארן קיין מפרעמישלאן בעטן א ישועה.

דער וועג פון דעם ווייטן באקאווינישן שטעטל קיין מפרעמישלאן איז געווען זייער א ווייטער. דער ארימער פראפינאטאר האט אויף די הוצאות הדרך נישט געהאט, איז ער געגאנגען צו פיס, זיך מיט געכאפט מיט פויערישע וועגעלעך און גענעכטיגט אין הקדשים שטיבלעך, ווי ער איז פארביגעגאנגען זייער א לאנגער וועג. אבער פיל מיט האפענונג, אז זיין ישועה איז נאנט, האט ער זיך געשטארקט איבער אלע שטערונגען, און ענדליך, אויף זיין פערדער וואך פון זיין וואנדערן, איז ער בשלום אנגעקומען קיין מפרעמישלאן. אריינקומענדיג צום רבי'ן אין צימער איז דער הייליגער מפרעמישלאנער געזעצן פארטיפט איבער א ספר און האט זיך נישט אומגעקוקט אויפ'ן איד וואס איז געשטאנען ביים טיר. נעבן אים איז געשטאנען דער שמש פון ר' מאיר'ל מפרעמישלאן געהייסן האט ער ר' ארי', און מיט גרויס דרך ארץ און געווארט אויף די באפעהלן פון רבי'ן. דער איד פון שטאא סאדיגורא איז אזוי געשטאנען א שיינע עטליכע מינוטן אין זיין פארגליווערטן צושטאנד, דאס הארץ זיינע איז אים שיעור נישט ארויס פאר שרעק. ער האט געוויסט אז ר' מאיר'ל איז א גוטער צו יעדן, ער איז מקבל יעדן איד מיט אזוי פיל שמחה, טראגט אקעגן זיין "שלום" און ווייזט אים א פנים שוחקות, און דא קוקט ער זיך גארנישט אום דער רבי ווי ער וואלט גארנישט עקזעסטירט.

ענדליך האט דער רבי אויסגערופן מיט עפעס א משונה'דיגן קול, צו דעם שמש: ארי' פארוואס שטייסטו ווי א גולם און פרעגסט נישט דעם איד, פון וואנען ער איז? דער דאזיגער אויסגעשריי, האט דעם סאדיגור'ער איד אויפגעוועקט פון זיין פארגליווערטקייט, און אויף דעם אומדירעקטער פראגע פון רבי'ן האט ער זיך אנגערופן א דערשראקענער: פון סאדיגורע בין איך! ארי' - האט דער רבי נאך העכער אונגעהויבן שרייען - זאג אים, שוטה איינער, אז מאיר'ל ווייסט בעסער פון אים. מאיר'ל זאגט, אז ער איז גאר פון סאדעטאוו און נישט פון "סאדעגורע" נא, וואס שטייסטו גולם, פארוואס זאגסטו נישט דעם איד, וואס כ'הייס דיר! דער רבי זאגט אז איז סענט פון 'סאדעטאוו', - האט זיך דער שמש זיך געוואנדן צום איד געגוג ערנסט, וויסענדיג אז דער רבי זאגט נישט סתם קיין הלצות און אפילו זיינע שיחות חולין האבן א גרויסע באדייטונג.



קובץ ישראל אשר בך אתפאר

דער איד איז געשטאנען א צוטומעלטער, ער האט נישט געוויסט וואס דא קומט פאר, אויף וועלכע וועלט ער איז. נא, וואס שטייט איד פון דערווייטינס, סאדעטאווער איד - האט ר 'מאיר'ל פרייליך אויסגערופן - קומט אהער אביסל נענטער, שלום עליכם סאדעטאווער איד - האט די רבי נאכאמאל איבערגע'חזר'ט, דערלאנגענדיג אים די האנט אויף שלום. דער איד איז צוגעגאנגען און דערלאנגט די הענט דעם רבי'ן. איך הערט וואס כ'זאג אייך, סאדעטאווער איד, - האט דער רבי ווייטער גערעדט, האלטענדיג דעם איד'ס האנט, נעמט אייך גוט אין זיך אריין, וואס מאיר'ל זאגט אייך. מאיר'ל זעט אלץ און ווייסט אלץ, דעריבער זאגט אייך מאיר, אז איר זענט נישט פון סאדיגורע, ווייסט איר פארוואס? ווייל דער צדיק הדור איז בכח צומאכן פון שדה גרוע (סאדיגורע) פון א שלעכטע און געמיין פעלד א שדה טוב (סאדעטאוו) א גוט, פרוכטבאר און פרנסה'דיג פעלד פאר קינדער און קינדס קינדער.

איך שטייט ווי א גולם - האט דער הייליגער פרעמישלאנער נאך א קורצע הפסקה ווידער אנגעהויבן - איר ווייסט אודאי נישט ווער איז דער צדיק הדור, און מאיר'ל וועט אייך זאגן: דער צדיק הדור איז ישראל'טשע פון רוזשין. איר נעמט עס גוט אין זינען אריין וואס איך זאג אייך, איך מעגט עס אפילו זאגן פאר אייער פריץ וועו די צייט וועט קומען געדענקט וואס איך זאג אייך, אויב ווילט איר האבן פרנסה, זאלט איר מיינע ווערטער גוט נעמען זעך אין זינען אריין, און יעצט פארט מיר לחיים ולשלום פונוואנעט איר זענט געקומען. דער איד, נישט קיין גרויסער חסיד, האט קיין איין ווארט נישט פארשטאנען פון דעם גאנצן שמוס און ווען דער רבי האט אים אפגעפארטיגט און דער שמש האט אים ארויסגעשטופט פון רבי'נס חדר איז ער געבליבן שטיין א צעטומעלטער, און צרות און לייד האט זיך דער איד געלאזט אויפן וועג אהיים, פארשעלטענדיג זיך מיט זיין ביטער מזל, צו וואס ער לעבט אויף דער וועלט.

אבער די ווערטער וואס ער האט פון הייליגן פרעמישלאנער האט נישט פארגעסן. אה, די ווערטער זענען אים גוט געלעגן אין די ביינער, כאטש וואס ער האט זיי נישט פארשטאנען. ער האט זיך אפילו געהיטן צו דערציילן פאר איינע פון זיינע באקאנטע, נאר בלויז פאר זיין ווייב האט ער דערציילט דעם גאנצן אויסטערלישן שמוס, אבער זי, א אידענע, האט נאך פיל ווייניגער פון אים פארשטאנען. ערשט א לענגערע צייט שפעטער, קומענדיג אמאל אין דעם שטאטישן בית המדרש, האט ער זיך צוגעהערט צו דעם מנחה מעריב שמועס, דערהערט ער די נייעס אז דער בארימטער רוסישער רבי ר' ישראל'טשע פון רוזשין, וואס ווערט גערודף'ט פון די רוסישער רעגירונג, איז געקומען קיין גאליציע און זוכט דא א מקום מנוחה. דער איד - עכ"פ קיין נארישער איד איז ער נישט געווען - איז איינגעפאלן, הערענדיג וועגן דעם הייליגן רוזשינער'ס אנטלויפן, אז אויב מען וואלט ארייינבאקומען דער רוזשינער קיין סאדיגורא וואלט שוין געווען פרנסה בשפע. אזוי ווי דער הייליגער רבי ר' מאיר'ל פון פרעמישלאן האט שוין פון פאראויס געזאגט וואס איך דארף טון. א קליינקייט, אזא גרויסער רבי ווי דער הייליגער רוזשינער! חסידים וועלן קומען פון אלע זייטן. יעדע חסיד לאזט איבער אין שטעיטל אביסל געלט. און עס וועט זיין 'ששון ושמחה'.

אומר ועושה. דער ארענדאר האט פארגעלייגט דעם פלאן פאר דעם גראף, און איינזעהענדיג אז דער פלאן איז אן אויסגעצייכנעטער, האט זיך דער גראף גענומען צו די ארבעט, צו ברענגען דעם רוזשינער קיין סאדיגורא. פאר דעם גראף וואלט אפשער די ארבעט אריינצוברענגען דער רוזשינער אין סאדיגורא, גאר נישט געווען אזא שווערע. ער אליין, דער גראף, איז געווען א



גרויסער חשובע אין די רעגירונגס-קרייזן. געלט האבן די חסידים געגעבן וויפל מען האט נאר פארלאנגט, און דער עסטרייכישע רעגירונג האבן אזוי ליב דעם טרפה'נעם גראשן פונקט ווי די רוסישע. איז אבער געלעגן אין וועג, דער 'אפמאך' צווישן די צוויי רעגירונגען, ארויסצוגעבן איינער דעם צווייטן אנטלאפענע ארעסטאנטן. די רוסישע רעגירונג האט דאך געוויסט ווי דער רוזשינער געפינט זיך, און זי האט געהאלטן אין איין פאדערן, אז די עסטרייכישע רעגירונג זאל אים ארויסגעבן. און אט דא איז געשען א נס. אבער טאקע א נס מן השמים.

אין דעם שטעטעל סאדיגורא איז מיט פיל יארן פריער נעלם געווארן א יונגע יונגל מיט דעם נאמען ישראל דאננעפעלד. ער איז נעלם געווארן ווי אין וואסער אריין. פאר צרות, זענען זיינע עלטערן נפטר געווארן. עס האבן נאך אבער געלעבט אין סאדיגורא אידן און גוים, וואס האבן די געשיכטע גוט געדענקט. זענען די אידן איינגעפאלן א המצאה: פארוואס זאל טאקע נישט זיין דער דאזיגער ר' ישראל, דערזעלבער ישראל דאננעפעלד? איי דער איצטיגער ישראל רופט זיך פריעדמאן, און יענער ישראל האט זיך גערופן דאננעפעלד, איז די זאך אבער געווארן גאר פשוט: דער ישראל דאננעפעלד איז אוועק קיין רוסלאנד. ער איז דארט אריין אין א ישיבה. אין די שפעטערע יארן איז ער געווארן א רבי. און האט צוליב דעם וואס ער איז א עסטרייכישע געבוירענער, געטוישט נאמען פון דאננעפעלד אויף פריעדמאן .אבער דער אמת'ער אמת איז, אז ישראל פריעדמאן איז טאקע דער זעלבער פארלוירענעם ישראל דאננעפעלד. - אזוי האט אלעס גוט געשטומט, און חברה האבן דאס אנגעהויבן גלייבן - אבער די איינציגע דאגה וואס האט געמוטשעט די סאדיגורא אידן איז געווען - די דאקימענטן, דא וואו עס ווערט איינגעשריבן די נייע געבוירענע קונדער. און די סאדיגורא אידן האבן געוואוסט, אז די יארן פון ביידע ישראל'ס וועלן זיך נישט איינינן, וועט די געשיכטע שוועער אנקומען. האט מען גענאנגען נאכקוקן די אלטע דאקימענטן פון דעם ישראל דאננעפעלד, און וואונדער איבער וואונדער! די זעלבע יארן! ווען דער ישראל דאננעפעלד וואלט געלעבט, וואלט ער יעצט געווען פונקט פערציג יאר אלט. די זעלבע יארן פון דעם היילינן רוזשינער. אידישע און גוי'אישע האבן עדות געזאגט, אז ר' ישראל רוזשינער איז דאס זעלבער פארלוירענעם קונד ישראל דאננעפעלד. אויב אזוי איז ער דאך א סאדיגורא געבוירענער, און די רוסישע רעגירונג קען אים נישט פארלאנגען. עס האט נישט גענומען לאנג, און די עסטרייכישע רעגירונג האט דערקלערט ר' ישראל פריעדמאן אלס א געבוירענער עסטרייכישער, איבער וועי'מען רוסלאנד קען קיין שליטה נישט האבן. און עס איז געווארן ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

דער רבונש"ע האט אנדערש געוואלט ווי דער רוסישן צאר, אין דער הייליגער צדיק איז געבליבן אין סאדיגורא, וואס איז דעמאלס געווען פארדעכנט אלס א טייל פון גאליציע, אונטער די עסטרייכישע אימפעריע. נישט לאנג האט עס געדוירט, און דער הייליגער רוזשינער'ס פאמיליע האט זיך באפרייט פון די רוסישן גיהנים און האט זיי באלד אריבערגעברענגט קיין "סאדיגורא" מיט גרויס שמחה, און די פרייד פון אלע רוזשינער חסידים האט קיין גרעניץ נישט געהאט. און פון פריש האט מען אנגעהויבן אויפצובויען דעם הייליגע הויף אין דעם דאזיגן שטעטל "סאדיגורא" אין ווי באלד דער גראף פון סאדיגורא האט דאך געוואלט דעם רוזשינער האבן באזיך - ווי פריער דערמאנט - האט דער גראף אים אוועקגעגעבן במתנה איינע פון זיינע גרויסע פאלאצ'ן. אלס א דאנק פארן זיך דארט באזעצן.



# 'רוז'ין סאדיגורה הויף און שטאט סאדיגורה'

אין סאדיגורא האט דער הייליגער רוזשינער אויפגעשטעלט זיין הויף, וואס איז געווען א תל תלפיות פאר טויזענטער אידן, וועלכע האבן זיך געוואנדן צו דעם צדיק להיוושע בדבר ישועה ורחמים, ווי אויך זיך אנצושעפן מיט תורה, יראת שמים און חסידות און זיך מדבק זיין אינעם אויבירשטן. שב"ק פרשת אחרי איז געווען דער ערשטער שבת אין שאטא סאדיגורא, דער רבי האט דארט אויפגעבויט א הערליכע פאלאץ פאר זיין וואוינונג, ווי אויך האט ער אנגעהויבן בויען זיין הייליגע שול, 'דער קלויז', אין וועלכע ער האט אריינגעלייגט גאר גרויסע כוחות, מיט הייליגע כוונות, אבער דער הייליגער רוזשינער האט שוין נישט אויפגעבויט דעם שול בחייו, נאר דאס האט שוין געבויט זיין הייליג זוהן, דער אלטער סאדיגור'ער רבי. דער הייליגער רוזשינער האט אין יענע תקופה אנגעהויבן עפענען פיל מיט רוזשינ'ע קלויז'ן - שטיבלעך




איבערדאל, אין עס איז געשטאנען פון דרויסן "מלכות בית רוזשין" און גרויס, וואס דעמאלס האט מען נישט געעפענט קיין שטיבליך, יעדע שטאט אין שטעטל האט געהאט איין בית מדרש, ווי יעדער איז דארט געקומען דאווענען, אין דער רוז'ינער איז געווען דער ערשטער וואס האט אנגעפאנגען עפענען שטיבליך איבערדאל אין אלע שטעט אין שטעטלעך ווי זיינע חסידים האבן געוואוינט.

ווען דער הייליגער רוזשינער איז געקומען קיין סאדיגורא, האט מען אים דעמאלס געפרעגט: "פארוואס האט די רבי געמוזט אנטלויפן? מיר זעען דאך אז רצון יראיו יעשה, און דער רשע האט נישט מצליח געווען צו לייגן די הענט אויף דעם רבי'ן. אויב אזוי האט מען דאך געקענט בלייבן דארט אין רוזשין. אויב האט ער נישט קיין שליטה אויפן רבי'ן וואלט ער דארט אויך נישט געהאט". האט דער רוזשינער געענטפערט: "עס שטייט אין פסוק, שמני אלוקים לאדון לכל מצרים. יוסף הצדיק שיקט זאגן זיין טאטן, דער אויבירשטער האט מיר געשטעלט אלס אדון איבער גאנץ מצרים. איי וואס איז דער רבותא, איז עס עפעס א יחוס צו זיין מלך אויף ציגיינער? אינעם ערוות הארץ? "נאר וואס דען, יוסף הצדיק האט געזאגט, שמני, שם אני, איך טו, אלוקים לאדון, אז דער אויבירשטער זאל זיין דער הער, איך בין מפרסם אלוקותו יתברך שמו, בכל ארץ מצרים". האט דער הייליגער רוזשינער געזאגט: "אין רוסלאנד זענען דא גענוג גוטע אידן וואס



זענען דאס מפרסם, אבער דא, אין גלילות איז דאס נישט דא, און דערפאר בין איך געקומען". דאס איז געווען די שליחות פון אונזערע רבי'ס לבית רוזשין, שם אני, מפרסם זיין אלוקותו יתברך שמו.

אויסער אמונה האט דער רוזשינער זיך אויסגעצייכנט אין עבודת השמחה און אין אהבת חברים. ווייל נאר אזוי, מיט שמחה און אהבת חברים קען מען שטייגן אין אמונה אינעם בורא כל עולמים און אין אמונת צדיקים. שמחה איז אין רוזשין געווען אויף א מורא'דיגער פארנעם, ווי שוין פריער דערמאנט, ווי מען איז נאר געפארן זענען מיט געקומען שפילער'ס וואס האבן געשפילט א גאנצער וועג. דער הייליגער רבי, דער עטרת ישראל זצ"ל פלעגט אלס ארומרעדן איבער דעם, אז מען דארף האבן א געשמאק אין יעדן מצוה. אבער וויאזוי קומט מען אן צו דעם? האט ער געזאגט, אז דער הייליגער זיידע דער רוזשינער זי"ע פלעגט זאגן: אז ביי יעדע מצוה דארף מען צוגיין מיט צוויי וועגן. 'חוקה היא ואין לך רשות להרהר אחריה. אבער נאכדעם דארף מען אויך וויסן 'מה טעם יש בה'. ווען מען ווייסט דעם טעם המצוה טוט מען דאס מיט גאר אן אנדערן געשמאק. ווען א בר מצוה בחור'ל פארשטייט פארוואס ער טוט אן תפילין, אז דאס איז נישט בלויז ווייל זיין טאטע טוט אזוי אן תפילין, נאר ער פארשטייט דעם עמקות פון וצונו להניח על היד לזכרון זרוע הנטוי', וכדו', אז מען פארשטייט די טעמי המצוות געבט עס דעם מענטש כלים זיך צו שטארקן קעגן די אלע נסיונות.




## 'הרוזינער מרגיש שהוא חייב לענות'



ווען דער הייליגער רוזשינ'ער איז אנטלאפן פון רוסלאנד קיין סאדיגורא, איז עס בעצם געווען א גרויסער סכנה פאר אים דארט צו בלייבן, ווייל וואס נענטער צו רוסלאנד איז עס געווען א גרעסערע סכנה, ער וואלט בעצם געדארפט אנטלויפן ערגעטס טיף אריין אין גאליציע. אבער דער הייליגער רוזשינ'ער האט נישט געוואלט, ווייל ער האט מורא געהאט אז די אידן אין גאלעציע

וועלן אים נישט אנעמען, זיין מהלך איז געווען אזוי פארקערט פון גאליציע, אפילו אין רוסלאנד איז עס געווען א חידוש דער מהלך, אבער גאליציע זיכער, ער האט פארשטאנען אז דא אין גאליציע וועט ער נישט קענען משפיע, זיין ער וועט נישט האבן קיין חסידים, האט ער זיך באזעצט לעבן רוסלאנד אז זיינע חסידים פון רוסלאנד זאלן קענען קומען צו פארן, כדי ער זאל האבן דארט זיין חסידות. למעשה האט ער זוכה געווען אז אלע צדיקי עולם פון יענע דור האבן אים מקבל געווען ממש כמקבל פני השכינה, מען האט זיך מכניה געווען צו אים באופן נפלה מאוד, און אז די צדיקים אין יענע דור האבן עס געטון, זענען אלע נאכגעגאנגען, דער הייליגער אפטע רב איז שוין געווען א זקן מפליג, דעמאלס ווען די רוזשינער איז אנגעקומען קיין סאדיגורא, און ער איז געקומען צו פיס מיילן לאנג "כל המקבל פני רבו, כאלו מקבל פני השכינה" האט ער געזאגט. ער איז געגאנגען מקבל זיין די פנים פון דער הייליגער רוזשינ'ער. און ווען דער רוזשינער האט נאך געלעבט, ווען ער האט שוין געוואוינט אין סאדיגורא, האט דער רוזשינער געפילט אז ער דארף זיך פארענטפערן, עס איז געווען מורא'דיג אן אונטערסאנטע זאך, ווייל דער רוזשינער איז דאך געווען א מלאך אלקים, דאך האט ער געפילט אז די אידן אין גאליציע קוקן אראפ האט ער געפילט אז ער דארף זיך פארענטפערן.

האט ער געבעטן זיין כותב, ער האט געהאט א שיינע פאר כותבים, ער האט געבעטן פון איין כותב ער האט געהייסן חיים מאיר (איך ווייס נישט וואס זיין לעצטע נאמען איז געווען), האט ער געשרייבן א קונטרס "כתר תורה וכתר מלכות", דאס איז דאך געווען די יסוד אין רוזשין, און דער רוזשינער האט אויף דעם געגעבן אן הסכמה, און ער ברענגט דארט ארויס וואס א איד מיינט, וואו אזוי א איד דארף זיך אויפירן, און פארשטייט זיך אז מען דארף זיין אפגעשייד פון די גויים, און מען דארף האבן אן אייגענע מהלך, אבער עס דארף זיין מיט א בנעימות, א חסיד אסור ליות כשוטה ופרא אדם, ואסור "נראה" כשוטה ופרא אדם, דאס די לשון וואס ער שרייבט דארט, אויסזעהן ווי א שוטה, און פארוואס דארף מען מאכן א חולל ה', מען דארף גיין שיינע קליידער, צוזאמגענומען, שמחה מכפנים ומבחוץ, און אז מען קען עס נישט טוהן דארף מען עס טוהן מיט חיצוניות'דיגע וועגן, אויף משפיע צו זיין, און וואס דארף מען מאכן תנועות משונות, נישט דאס מאכט א מענטש. אלע יסודות פון רוזשין האט ער דארט ארויס געשריבן, און צונומען דרגה בדרגה, מיט מקורות חז"ל. (יש אמרים אז די גאנצער חלק איבערן קונטרס כתר תורה וכתר מלכות איז נישט אמת בכלל למפריע, אבער מיר ברענגען עס אראפ צוליב דעם וואס שפעטער אינעם מחלוקות הידיע ווערט עס יא דערמאנט - גראדע אויפן צאנזער צד, אבער עכ"פ). א גרויסע קונטרס איז עס געווען פון קרוב צו הונדערט בלעטער. און מען האט עס פארשפרייט אין גאליציע, און פארשטייט זיך מען האט עס אנגענומען בשתיי ידים, מענטשן האבן דאס דורך געלערענט, אז דער רוזשינער האט אליין געגעבן אן הסכמה דערויף איז דאס א הייליג ספר, אבער כנס פלאה הוא, עס איז נישט דא קיין איין קונטרס געבליבן, עס איז געווען וואס האבן געדענקט פארשידענע מאמרים, און עס אראפ געשריבן, אבער די קונטרס איז גארנישט געבליבן. און מען האט עס פארשפרייט דעמאלס אין גרויסן, רוזשין האט געהאט געלט, און רוסלאנד האט דעמאלס געליגן די עשורות, און ווען מען האט געדריקט, האט מען גענדרידט אסאך, אבער עס איז פון דעם גארנישט געבליבן.



# 'באגעגעניש פון רימאנאוו און רוזשין'

די באגעגעניש צווישן די צוויי גדולי החסידות דער רבי ר' הירש פון רימאנאוו און דער הייליגער רוזשינער איז געווען דאס גרעסטע ווינדער פון יענע צייט. די חסידישע וועלט האט נישט געקענט בשום אופן באגרייפן, ווי אזוי בײדע גדולי הדור, דער הייליגער רוזשינער און דער הייליגער רימאנאווער, האבן זיך געקענט אזוי גוט פארשטיין אין דער צייט וואס זייער דרך פון עבודת איז געווען ממש מן הקצה אל הקצה. דאס עבודה פון רימאנאווער האט דאך געהאט א שם אין דער חסידישער וועלט. מיט זיינע תנועות און קולי קולות האט ער דאך מרעיש עולמות געווען, אז דער רבי ר' הירש האט זיך געשטעלט אין דעם ווינקל דאווענען, האט מען אים געפינען אין א צווייטע ווינקל, אין דער צייט ווען אין רוזשין איז דאס עבודה געווען בניחותא, געלאסן, מער אינערליך ווי אויסערליך. עס איז אויך באוויסט, אז דער הייליגער רוזשינער האט נישט זייער גערן געהאט אזא רעש'דיגע דאווענען. און איבערהויפט, האט ער דערפון זייער געוואלט אפגעוויינען די חסידים וואס זענען געקומען צו פארן צו אים.

אז מען רעדט וועגן דער רבי ר' הירש, איז בדרך אגב, איך וויל נישט אריינגיין און דעם ענין פון קאנטאניסטן, עס איז א נושא פאר זיך. אבער ווען מען רעדט וועגן דער רבי ר' הירש מרימאנאווער זצ"ל וואס ער האט געזאגט איבער דער ענין פון קאנטאניסטן. עס איז געווען אין יאר תר?"?, איז דער צאר ניקאליי געקומען קיין סיבור באזוכן די קינדער. (מען דארף בעצם קענען א ביסל הוסטאריע צו פארשטיין), אין דעמאלס האט מען שוין געהאלטן נאכן צווייטן גזרה פון ניקאליי, אז די קהילות דארפן צושטעלן פינעף-און-דרייסיג קינדער א יאר. און דער צאר ניקאליי איז געקומען באזוכן קיין סיבור אין א דאנערשטאג שעפן נחת פון די אלע קינדער וואס האבן זיך שוין ל"ע געשמאד, און דער גינעראלן האבן צוגעגרייט נאך צוויי הונדערט קונדער וואס גייען זיך שמאדן פארענט פון ניקאליי ל"ע. ווען מען האט פאר ניקאליי פארציילט, האט ער זיך זייער געפרייט, און מען האט אים געפירט צום וואסער, ווי דארט זענען געשטאנען אויסגעשירעט די צוויי הונדערט קינדער, וואס גייען זיך טובלן צו ווערן א קריסט רח"ל, ניקאליי האט א פרעג געטון די אלע קינדער צו זיי זענען טאקע גרייט, אין אלע כילם פה אחד אז יא, איז פיין, ניקאליי האט א שריי געטון: געגאנגען. אין אלע קינדער זענען אריין געטאנצן אין וואסער אריין. און... קיינער איז נישט פון וואסער אבער ארויסגעקומען. מען האט נאך אפאר מינוט שפעטער געזעהן באבול'ס ארויסקומען פון וואסער. שבת ביים טיש איז דער רבי ר' הירש געווען מורא'דיג פארמוח'ט, אין דערנאך פארציילט די מעשה נורא, די מורא'דיגע קידוש השם וואס איז דארט געווען, אויספירענדיג אז זייט אברהם אבינו איז אריין אין דעם קאליך-אויבן, איז נאך נישט געווען אזא מורא'דיגער גיוואלדיגער קודיש השם ווי עס איז אין סיבור פארקומען...



# 'סטרעליסקע חסידים גייען צום רוזשינער'

דער גרויסער שרף פון סטרעליסק זצ"ל איז אויך געווען א שטארקער עובד. זיין דאווענען און זיין לערנען, האט פשוט הימלן געשפאלטן. דעם התלהבות ביים דאווענען אדער ביים טוהן א מצוה איז געווען נישט אין די ראמען פון מענטשליכע מעגליכקייטן. ממש בקולות וברקים. די קולות פון

הייליגן שרף ביים דאווענען האט מען געהערט נישט נאר אין דער גאנצער שטאט, נאר אפילו די פאסטעכער אין פעלד האבן געוויסט אז דעמאלס ווען דער צדיק זאגט "ברוך שאמר" איז שוין מיטאג צייט... עס פאר שטייט זיך אז סטרעליסקער חסידים האבן זיך באמיהט צו דאווענען אויפן זעלבן שטייגער, פונקט ווי זייער גרויסער רבי. און די דאזיגע חסידים האבן זיך אזוי שטארק אויסגעארבעט אין דעם דאזיגן שטייגער, אז מען האט פשוט באוואונדערט ווי אזוי עס דערנעמט זיך צו זיי אזעלכע איבער מענטשליכע כוחות און גבורה. נאך די הסתלקות פון הייליגן שרף האבן אן אנגעזעהענער טייל פון די סטרעליסקער חסידים אנגעהויבן פארן קיין סאדיגורא, צום הייליגן רוזשינער. דער רוזשינער האט די סטרעליסקער חסידים גאר שטארק מכביד געווען, און געהאלטן זייער חשוב, אויסדריקענדיג זיך, אז קיין שום רבי האט נישט ארויסגעגעבן אזעלכע אויסגעלייטערטע נשמות ווי דער סטרעליסקער. אבער ער האט נישט געהאט געטראפן דעם אופן פון זייער עבודה, דאס דאווענען מיט קולי קולות, די משונה'דיגע תנועות צו וועלכע זיי זענען געוואוינט געווען אין סטרעליסק.

די סטרעליסקער חסידים האבן זיך אבער נישט געקענט דערפון אפגעוויינען, פלעגן זיי טאקע דעם סאדיגורא קלויז פשוט איפטרייסלען מיט זייער דאווענען און דערויף פלעגט דער רוזשינער גאר שטארק מקפיד זיין ביז מען האט זיי בפירוש אויפמערקזאם געמאכט, אדער זיי זאלן זיך באמיען צו דאווענען מיט מתינות ווי אלע אנדערע רוזשינע חסידים, אדער זאלן זיי גיין זוכן אן אנדערער רבי. היות אבער די דאזיגע הייסע פייערדיגע חסידים האבן אויפ'ן צווייטן זאך נישט געוואלט און נישט געקענט איינגיין, און פון רוזשינער נישט געוואלט אוועקגיין, האבן זיי באשלאסן זיך אפצוגעוויינען פון דעם שטייגער און עבודה, וואס זיי זענען געווען געוואוינט אין סטרעליסק, און אנהייבן דאווענען רוהיג און געלאסן ווי אין רוזשין. אבער עס איז נישט אזוי לאכט אנגעקומען, אין איינער פון די געוועזענע סטרעליסקער חסידים, מיטן נאמען ר' לייזער טאפראווער, האט בעת'ן דאווענען יום הק' ביי מנחה פאר נעילה, זיך אזוי שטארק אנגעשטרענגט און געמוזט טון אזעלכע איבערמענטשליכע התפעלות נישט ארויסצוויזן און צו דערשטיקן זיין אינערליכע פייער, אז ער האט באקומען א בלוט שטורץ - ביי זיין האלץ האט זיך גענומען שפריצן בלוט און איז גלייך דערנאך אוועק... וועגן דעם דאזיגן שטייגער פון דאווענען, פלעגט דער רוזשינער אזוי זאגן: אזוי לאנג ווי דער הייליגער רבי פון לובלין האט געלעבט ,האט דאס חסידות געפלאקערט ווי פלאמען פייער און גלייך מיט דער הסתלקות פון רבי'ן פון לובלין, האט זיך דאס חסידות אפגעקילט, מיר אבער, איך מיט מיין פעטער ר' מאטעלע פון טשערנאביל באמיען זיך צו פארדעקן די ברענעדיגע קוילן פון חסידות פון אויבן מיט אש. עס דאכט זיך דעריבער, אז עס איז מער נישט קיין פייער, עס איז קאלט ,אין דער אמת'ן אבער ברענט עס דארט מיט א הימלישער היץ אבער עס פלאקערט זיך נישט אויף. די היץ האלט זיך, דאס חמימות האט א קיום און ווערט נישט אפגעקילט.

פונדעסטוועגן האט דער רבי ר' הירש פון רימאנאוו, אזוי שטארק אויסגעמאכט ביים רוזשינער טראץ זיין איבערצענטשליכע עבודה, אז דער רוזשינער האט זיך גארנישט געקענט אויסלויבן פון דעם גרויסן צדיק, פון זיין גדלות, וואס ער האט זיך אליין אויסגעארבעט, פאר זיין קדושה וטהרה ,וועלכע נאר גאר גרויסע האבן געקענט משיג זיין. ווי ווייט עס איז נתקשר געווארן אן אהבה צווישן אט די ביידע גדולי הדור, קען דינען דער פאקט וואס ביידע גוטע אידן האבן באשלאסן זיך משדך צו זיין.



קובץ ישראל אשר בך אתפאר

# מען שדכנט אן דעם רבי'ס אייניקל מיטן רבי ר' הירש מרימאנאוו'ס טאכטער'

איינע פון די מקורבים, צוזענדיג די התפעלות פון רוזשינער פאר'ן רימאנאווער, האט זיך אנגערופן צו עס וואלט נישט געווען א פלאן אז דער רוזשינער זאל זיך משדך זיין מיט זיין פיר יעריג אייניקל אשר א זון פון דער שפעטער בארימטן סאדיגור'ער רבי הרה"ק ר' אברהם יעקב זצ"ל, מיטן רבי'ן ר' הירש'ס דריי יעריגע טאכטערל רחל לאה. דער רבי ר' הירש האט אין זיין לעבן געהאט זייער אסאך צער גידול בנים ל"ע, ער האט געהאט זייער אסאך קונדער, אבער זיי האבן זיך ל" ע נישט געהאלטן. און אנדערע מענטשן וואלטן זיך זיכער צוזאמענגעבראכן, איז עס דאך אבער געווען דער גרויסער ר' הירש, האט ער אלעס מקבל געווען באהבה. פון אלע זיינע קונדער אין די יונגע יארן איז אים נישט מער




פארבליבן ווי איין איידעם ר' לייביש. ערשט אויף די עלטער, ווען דער רבי ר' הירש איז שוין געווען אין די הויכע זיבעציג, האט ער ווידער חתונה געהאט מיט דער רביצין מלכה, וועלכע האט אים געבוירן צוויי וואונדער שיינע קונדער א מיידעלע מיט'ן נאמען רחל לאה און א יונגעלע מיט'ן נאמען יוסף, וועלכע איז שפעטער געווארן ממלא מקום פון זיין גרויסער פאטער. אין די דאזיגע צוויי קינדערלעך זענען ביים רבי'ן ר' הירש געווען זייער טייער, - דארף מען אייך נישט דערציילן - דער רימאנאווער פלעגט זאגן אויף די צוויי קונדער: דאס האב איך מיר אויסגעבעטן!...

# 'נדן געלט'

און א וואונדער, דער הייליגער רוזשינער האט גלייך מסכים געווען צום שידוך. עס האט זיך אנגעהויבן א קארעספאנדענץ צווישן די ביידע גוטע אידן ביז עס איז באשלאסן געווארן, אז דער רבי ר' הירש קומט צוריק קיין סאדיגורא צו שליסן דעם שידוך .און אט דער שידוך, וואס דארף געשלאסן ווערן צווישן אט די ביידע מחותנים, האט נאך מער אויפגערודערט די וועלט. עס האט קיינעם נישט געקענט איינפאלן אזא סארט געדאנק, - דער רוזשינער, וועלכע האט זייער פיל געשטעלט אויף זיין גרויסער יחוס, וואס האט זיך געצויגן ביז רבי הקדוש, און ביז דוד מלך ישראל, זאל זיך משדך זיין מיט'ן רבי ר' הירש, וועלכע האט בכלל נישט קיין יחוס אבות, א קונד פון א פשוטע ארימע פארפאלק, וועלכע זענען אים פרי נפטר געווארן אין ער האט געמוזט פינעף יאר



ארבעטן ביי א שניידער און נאר אדאנק זיין אייגענע עבודה האט ער זיך שפעטער ארויפגעארבעט ביז צו דער מדרגה פון א רבי ר' הירש פון רימאנאוו.

און דאך איז עס געשען. אין זומער פון יאר תר"ב לפ"ק איז דער רימאנאווער צדיק מיט זיין רביצין און זיין דריי יעריג בת זקונים געקומען צו פארן קיין סאדיגורא אויף די תנאים. דער קבלת פנים וואס דער רוזשינער האט געמאכט לכבוד זיין גרויסן גאסט, האט נאך פיל איבערגעשטיגן דעם קבלת פנים וואס דער רימאנאווער האט געהאט ביים ערשטן באזוך. דער רוזשינער האט דעם הייליגן רימאנאווער אויפגענומען מיט א אויסטערלישע באגייסטערונג, וואס אלע האבן זייער שטארק באוואונדערט. דער רוזשינער האט פשוט נישט געוויסט מיט וואס מכבד צו זיין דעם גרויסן גאסט, און די שמחה איז געווען אין לשער.

ענדליך האט זיך דער הייליגער רוזשינער אנגערופן צום רבי'ן ר' הירש בזה הלשון: הכלל רימאנאווער רבי, ווילט איר האמת זיך משדך זיין מיט אונז, נעמענדיג מיין אייניקל שלמה'לע, האי? כ'האב האב מיך טועה געווען, כ'האב געוואלט זאגן מיין אייניקל אשר'ל - פאר א חתן פאר אייער מיידעלע? אוודאי וויל איך, אוודאי וויל איך - האט דער רימאנאווער רבי אויסגערופן מיט גרויס שמחה - ס'איז פאר מיר א גרויסער כבוד זיך משדך צו זיין מיט אזא משפחה מיוחסת בישראל ווי אייערע. גאר א גרויסער כבוד, און צוליב דעם טאקע בין איך געקומען מיט מיין בני בית און מיט מיין קינד די כלה, כדי צו שרייבן תנאים למזל... אויב איר ווילט טאקע שרייבן תנאים, - האט צו אים דער רוזשינער אויסגערופן - מוזט איר דאך אוודאי זיין גרייט מיט'ן נדן, מיט'ן סילוק, ווייל איך וועל אפילו נישט לאזן אריינשטעקן די פעדער, ביז וואנען איר וועט נישט פריער מסלק זיין די זעקס הונדערט רענדלעך נדן, וואס איר האט זיך מתחייב געווען, איר פארשטייט, רימאנאווער רבי, מחותנים'שאפט איז מחותנים'שאפט אבער געשעפט איז געשעפט. דער רימאנאווער רבי איז שטארק איבערראשט געווארן, הערענדיג די דבורים פון רוזשינער און ער האט אויסגערופן: א פנים, אז איר האלט מיך גארנישט פאר א בטוח, רוזשינער רבי איר ווייסט דאך, אז די קינדער זענען דאך גאנץ יונג, און ביז צום זמן החתונה איז נאך דא א שיינע פאר יאר צוווארטן, וואס איז דער קלער? איך בין מבטיח אז מען וועט פריער נישט אפשמוסן א זמן החתונה, ביז עס וועט פארקומען דער סילוק פון נדן במילואו, א פרוטה וועט נישט פעלן.

איך ווייס גאנץ גוט, אז דער רימאנאווער רבי איר זענט א גרויסער בעל בטחון - האט דער רוזשינער אפגעענטפערט - איך אבער פיר מיך, אז אין אזעלכע ענינים גטרוי איך קיינעם נישט, אפילו דעם גרעסטן בעל בטחון. איר זענט שוין ב"ה א איד א זקן, איר זאלט מאריך ימים זיין, און דאס קינד איז נאך יונג, איך קען דעריבער נישט ענדיגן דעם שידוך, ביז עס וועט נישט ליגן אפגעציילט אויפ'ן טיש דאס גאנצע געלט, דער גאנצער נדן, וואס איר האט צוגעזאגט, א פרוטה זאל נישט פעלן... אויף דעם האב איך מיך גארנישט געראכטן - האט דער רימאנאווער אפגעענטפערט - איך האב דעריבער קיין געלט נישט צוגעגרייט.

דער שמוס וועגן תנאים איז באלד אפגעהאקט געווארן.ביידע גוטע אידן האבן אנגעהויבן שמוסן וועגן אנדערע ענינים, אבער דאס האט שוין נישט לאנג געדויערט און אויפ'ן ארט האט זיך דער רימאנאווער געזעגנט מיט'ן רוזשינער, און אוועק מיט זיינע מקורבים אויף זיין אכסניא און געהייסן תיכף שפאנען די וואגן, כדי אפצופארן אהיים. אוועקגעפארן פון סאדיגורא איז די הייליגער רימאנאווער מיט גרויס עגמת נפש. א קליינינקייט, געקומען אויף א תנאים און פארט



צוריק מיט גארנישט, און צוליב וואס, צוליב נארישע זעקס הונדערט רענדליך, וואספאר א חשיבות האט געלט בכלל. אבער באלד האט ער זיך געשטארקט, און זיך געטרייסט, אז מסתמא איז די זאך נישט פשוט, אין רוזשין שפילט דען א ראלע זעקס הונדערט רענדליך? און רוזשין בלויז איין גאלדן ראד פון א וואגן איז מער ווערד, מוז דאך זיין אז דער ענין איז א פיל טיפערער אין וועלכען מען דארף אריינטראכטן.

## דער רוזשינער'ס "טעות"

דער גאנצער וועג אהיים האט דער רבי ר' הירש רימאנאוו נישט גערעדט קיין ווארט, ער האט בשום אופן נישט געקענט פארשטיין די סיבה, וואס עס האט דעם הייליגער רוזשינער געצווינגען נישט צו שליסן שידוך, ווייל עס האט זיך קיינעם נישט געקענט לייגן אויפ'ן געדאנק, אז די פאר הונדערט רענדליך זאל טאקע זיין די איינציגע מניעה. נא מסתמא איז עס פון הימל - האט דער רימאנאווער געטרייסט זיין הויז געזונד, וועלכע האבן נאך מער נישט געקענט פארשטיין די מעשה ווי די רבי אליין - מסתמא האט מען אזוי געהייסן, און מען דארף קיין קשיות נישט פרעגן. ענדליך האט מען זיך בארוהיגט, סוף כל סוף איז דאך דאס קונד אלט דריי יאר, עס וועט זיך נאך מסתמא טרעפן א שידוך פאר דער טאכטער פון רימאנאווער צדיק...

## 'דער קבלת פנים אין קאלאמיע'

אויפן וועג פון סאדיגורא קיין רימאנאוו, האט זיך דער רבי אפגעשטעלט, אין דער גרויסער גאליצישער שטאט קאלאמיע. אין שטאט איז געווארן א רעש. א קליינגיקייט דער הייליגער רימאנאווער איז געקומען. די שטאט האט לכבוד דעם גרויסן צדיק אנגעגרייט א גרויסן קבלת פנים און א דעלעגאציע פון די חשובים פון שטאט איז געקומען צום צדיק בעטן, ער זאל בלייבן דא א פאר טעג, כאטש ביז נאך שבת, ווייל ממש די גאנצע שטאט וויל האבן די זכי' 'אויפנעמען צו ווערן ביים גרויסן צדיק הדור, און אויסצוגיסן זייערע הערצער פארן רבי'ן. כאטש דער רימאנאווער רבי איז געווען שטארק מיד און אויסגעמאטערט פון טלטול הדרך און פון עגמת נפש, האט ער דאך נישט געקענט אפזאגן דעם בקשה פון די דעלעגאציע, און ער האט באשלאסן צו בלייבן אין שטאט א פאר טעג.

באלד האט מען אין שטאט זיך דערוואוסט, אז דער הייליגער רימאנאווער בלייבט אויף עטליכע טעג, איז געווארן א רעש אין שטאט. א גאנצן טאג האט דער עולם געשטרוימט צו דער אכסנא פון רבי'ן, כדי אויפגענומען ווערן דורך אים. באלד האט מען אין די נאנטע מקומות אויך זיך דערוויסט פון דער דאזיגער נייעס, און גאנצע קאראוואנען זענען אנגעקומען פון די ארומיגע שטעטלעך און זיך געשטופט ארום דעם חדר פון צדיק כדי אויסצובעטן דורך זיין זכות א ישועה. די ענגשאפט איז געווארן אזוי גרויס. דער רבי האט פשוט נישט געהאט קיין מנוחה פון דעם עולם, נישט באטאג און נישט באנאכט. אבער דער צדיק זייענדיג בטבע א גוטמוטיגע, האט נישט געלאזט זיינע מקורבים צו זיך באגיין שטרענג מיט'ן עולם, אלעמען אויסגעהערט מיט גרויס



אויפמערקזאמקייט, און געווינטשן א ישועה. דער עולם האט אויךגעברענגט פדיונות, וועלכע מען האט אריינגעלייגט אין דעם אפענעם טיש קעסטל ווייל דער צדיק גופא האט נישט געלייגט קיין אכט דערויף. אפזייענדיג דריי טעג און קאלאמיע, האט דער צדיק געוואלט אפפארן אהיים, כדי זיך ענדליך אפצורוהן פון דעם שווערן וועג אבער אט איז איינער פון זיינע מקורבים אריינגעקומען צום רבי'ן און דערציילט אז דער סכום פון די פדיונות, וואב דער עולם האט געברענגט, איז פיל מער ווי דער נדן, וואס דער רוזשינער פארלאנגט פון די רבי, איז וואלט געווען א יושר צוריקצופארן קיין סאדיגורא, סילוק'ן דעם נדן און שרייבן תנאים... אין אנהייב האט דער רימאנאווער נישט געוואלט הערן דערפון, "כיון דאדחי אדחי" - האט ער געטענה'ט. אז מען האט גלייך אויפן ארט נישט געשריבן קיין תנאים, דארף מען נישט. איז אבער דער עולם צוגעשטאנען, און בפרט דער רביצין און געטענה'ט, אז דער שכל איז פונקט פארקערט, דער אויבירשטער האט ספעציעל מזמין געווען דעם גאנצן סכום פון נדן במילואו, אז דער שידוך זאל געשלאסן ווערן, דעריבער דארף מען בלייבן שבת אין קאלאמיע און גלייך נאך שבת צוריקפארן קיין סאדיגורא.

## 'א שב"ק אין קאלאמיע'

א שבת איז געפראוועט געווארן אין קאלאמיע, קען מען זיך שוין אליין פארשטעלן. טויזנטער אידן פון דער סביבה זענען געקומען צום גרויסן צדיק און אין שטאט איז געווען ששון ושמחה. באלד נאך שב"ק איז מען צוריקגעפארן קיין סאדיגורא מיט גרויס שמחה. דער הייליגער רוזשינער האט דעם רימאנאווער צדיק אויפגענומען מיט גרויס פרייד און מיט גרויס כבוד. דער רימאנאווער האט אויפן טיש אראפגעלייגט די עטליכע הונדערט רענדלעך און אויסגערופן: טא האט איר, רוזשינער רבי דעם גאנצן נדן. זעט איר, אז מען האט אמת'דיגע בטחון העלפט דער השם יתברך... אודאי העלפט ער אוודאי האלפט ער - האט דער רוזשינער אפגעענטפערט - נא, וועט מען זיך טאקע נעמען מכין זיין צו די תנאים... די תנאים איז געפראוועט געווארן אין 'גרויסן קלויז' מיט'ן אנטייל פון עטליכע הונדערטער מענטשן, אריבן אן זענען געזעסן ביידע צדיקי הדור און דערנעבן איז געזעסן דער פאקטישער מחותן דער זון פון רוזשינער דער שפעטערדיגע סאדיגורא רבי הרה"ק רב אברהם יעקב זצ"ל.

## 'מען שליסט שידוך'

איידער מען האט צוגעטרעטן שרייבן די תנאים האט זיך דער רוזשינער אנגערופן צום רימאנאווער: ווייסט איר מחותן, אז מיין מנהג איז, פאר די תנאים זיך אדורכצושמוסן וועגן דעם יחוס, פון וואנען מיר שטאמען, און יעצט וועלן מיר עס אויך טהון. און דער הייליגער רוזשינער האט אנגעהויבן אויסרעכענען זיין יחוס: דער ראש פון אונזער יחוס איז געווען מיין עלטער זיידע ר' בער'יש ז"ל (דער מעזריטשער מגיד) דער זיידע איז געווען זיין זון ר' אברהם המלאך ז"ל. דער עלטער פעטער איז געווען רב נחום און מיין פעטער - זיין זון ר' מאטעל (טשערנאבלער). דער טאטע זכרונו לברכה איז מיר יונגערהייט נסתלק געווארן, בין איך אלט געווען א זעקס יעריגער יונגל געפארן מיט די מאמע קיין בארדיטשוב, ווי איך בין געווארן א חתן מיט דער רמא'ס אן



איינִיקל. אזוי האט דער רוזשינער אויסגערעכענט זיין יחוס. האט ער זיך אנגערופן: און יעצט. מחותן, דערציילט אייער יחוס... א געוואלדיגע שטילקייט האט גענומען הערשן אין קלויז. מען האט דאך געוויסט, אז דער צדיק שטאמט נישט פון קיין שום רבנישע גזע, איז דער עולם דעריבער נייגעריג געווען צו וויסן די תשובה פון צדיק. אבער דער רימאנאווער האט ווי זיין שטייגער איז, גענומען זיך דערציילן בתמימות: מיין פאטער האט געהייסן לייבוש, און מיין מוטער שפרינצע. ווען איך בין אלט געווארן צען יאר, זענען זיי ביידע נפטר געווארן, איך האב זיי דעריבער נישט גוט געקענט, אז איך זאל קענען דערציילן זייער שבח. אבער דאס ווייס איך, אז זיי זענען ביידע געווען ערליכע און פרומע לייט. אלס קליין יתום - האט דער רימאנאווער ווייטער דערציילט - האבן מיינע קרובים מיר אוועקגעגעבן צו א שניידער, ביי וועלכע איך האב פינעף יאר געלערענט די מלאכה פון שניידעריי, כאטש איך בין נאך געווען א יונגל, איך בין אבער געווען ערליך און געטריי געארבעט. איך האב מיך די מיה געגעבן, אז דער עיקר זאל איך קיין נייע זאך נישט קאליע מאכן און אלטע זאכן זאל איך פארדעכטן און אויסבעבערן!...

דאן האט אויסגערופן דער הייליגער רוזשינער, וועלכער האט גוט פארשטאנען די כוונה פון די דאזיגע הויכע דבורים: גענוג מחותן, די שידוך איז געשלאסן. באלד האט מען געשריבן תנאים, און דערנאך איז געפראוועט געווארן א סעודה אויפן רוזשינער אופן. א גאנצע נאכט האט מען זיך געפרייט און געטאנצן, אויף מארגן און דער פרי האט דער רימאנאווער זיך האאציג געזעגענט מיט'ן רוזשינער און אפגעפארן אהיים מיט גרויס שמחה. די שמחה פון רימאנאווער, וואס האט זוכה געווען זיך משדך צו זיין מיטן גרעסטן יחוס, איז געווען אין לשער. גלייך ווען ער איז אהיימגעקומען קיין רימאנאוו איז אים די גאנצער שטאט געקומען ווינטשן מזל טוב. אין שבת האט די גאנצע שטאט קידוש געמאכט ביים רבי'ן, און מען האט זיך זייער שטארק משמח געווען.





קובץ ישראל אשר בך אתפאר

## 'די שמחה האלט זיך נישט לאנג ר"ל'

אבער די שמחה האט נישט אנגעהאלטן צו לאנג, אין עטליכע וואכן שפעטער איז קיין רימאנאוו די שמערצליכע ידיעה אז דער יונגער חתן אשר'ל איז פלוצלינג נפטר געווארן... די דאזיגע ידיעה האט אלעמען דערשלאגן. דער טרויער איז געווען אזוי גרויס סיי אין סאדיגורא און סיי אין רימאנאוו, ערשט יעצט האט מען פארשטאנען דעם עיכוב, וואס דער רוזשינער האט זיך ביים ערשטן מאל איינגעשפארט און נישט געוואלט שליסן דעם שידוך, ביז עס וועט זיין דער סילוק, וויסענדיג אז דער רימאנאווער וועט אזוי גיך נישט קענען צוזאמענשטלן די סכום, וועט מען דאך ממילא נישט ענדיגן דעם שידוך, און אזוי ארום וועט ער דעם אלטן צדיק פארשפארן דעם עגמת נפש. האט מען דאך פון הימל אנדערש מסבב געווען און ווען די סיבה ר"ל איז געשען, איז די טרויער געווען אזוי גרויס אין סאדיגורא און נאך גרעסער און רימאנאוו. באלד נאך די טרויער טעג האט זיך דער רוזשינער אויסגעדריקט פארזיינע נאנטע, אז מן השמים וויל מען, אז ער זאל זיין דעם רימאנאווער צדיק'ס מחותן. ער וועט זיך דעריבער גארנישט אפשרעקן פאר דער אויסטערלישע סיבה ר"ל, און אויב דאס התקשרות איז נישט צושטאנד געקומען ביים ערשטן קינד פון זיין זון רבי אברהם יעקב'ניו זצ"ל וועט עס צושטאנד קומען ביים צווייטן זון שלמה'ניו. און ווען די דאזיגע דיבורים פון היילגן רוזשינער האבן דער גרייכט צום רימאנאווער, האט ער זיך אנגערופן: אוודאי זענען מיר מסכים, אבער מיר ווילן פריער אז דער רוזשינער זאל אונז וועגן זיין רצון אליין מודיע זיין בכתב. און אזוי איז טאקע געשעהן, דער רוזשינער האט אליין אנגעשריבן א בריוו צו זיין מחותן, און וועלעכע ער האט אים מודיע געווען פון דעם אומגליק און וועגן זיין גרייטקייט זיך צו משדך זיין א צווייטער מאל מיט זיין אייניקל שלמה'ניו.

דער רימאנאווער האט תיכף אפגעענטפערט, אז ער פרייט זיך שטארק מיט'ן דאזיגן נייעם התקשרות, אבער ער בעט אז דאס זאל שוין פארקומען שטילערהייט אן קיין פרסום, כדי עס זאל מער נישט שולט זיין קיין עין הרע. גלייכצייטיג האט ער צוריקגעשיקט דעם ערשטן תנאים און געבעטן צו שיקן זיינע תנאים וועלכע ער וועט חתמ'נן ווי געהעריג. און אזוי איז טאקע געשעהן. דער שידוך איז אויפניי געשלאסן געווארן צו דער צופרידענהייט פוןביידע צדדים און זייט דעמאלס פלעגן ביידע גרויסע מחותנים גאנץ אפט זיך געשריבן איבער פארשידענע ענינים, און די אהבה צווישן די ביידע צדיקי הדור איז געווען זייער שטארק.

## 'שוין גארנישט קיין טעות געווען בכלל'

ערשט יעצט האבן די חסידים פארשטאנען די באדייטונג פון דעם טעות וואס דער רוזשינער האט געהאט. ביים שמוסן פאר די ערשטע שידוך מיט זיין מחותן דער רימאנאווער, האט ווידער דער רוזשינער אויסגערופן: ווילט איר הייסט עס, באמת זיך משדך זיין מיט אונז, נעמענדיג מיין אייניקל שלמה'לע... אהו? - כ'האב מיך טועה געווען, כ'האב געוואלט זאגן אשר'ל... יא דער רוזשינער'ס "טעות" - עס איז שוין גאר קיין טעות נישט געווען...



# 'די לעצטע שווערע יום הקדוש בשנת ה'תרי"א'

דער רוזינער האט געוואוינט אין סאדיגורא די לעצטע קרוב צו צען יאר פון זיין לעבן, ביז צו זיין פטירה אום ג' חשון תרי"א. אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, האט דער הייליגער רוזשינער זצ"ל זייער אסאך פארברענגט מיט זיינע קינדער. ער האט מיט זיי פיל געשמוסט וועגן זיין דרך אין חסידות און וועגן זיין גייסטיגע ירושה, וואס ער לאזט איבער. דאס שווערסטע גרעסטע עבודת - האט דער רוזשינער מיט התלהבות אויסגערופן - ליגט נישט דווקא אין סיגופים, אין פרישות. דער טייטש פוןווארט התבודדות, איז נישט אז מען זאל זיך אינגאנצן אפטיילן פון דער וועלט און דערווייטערן פון מענטשן, נישט אין דעם ליגט די קונץ. מען דארף קענען האבן התבודדות דווקא צווישן טויזנטער מענטשן אפילו ווען מען איז אין עולם אין מיט'ן עולם קען מען אויך זיין אויסגעטון פון דער וועלט און זיין ווייט פון מענטשן.

סיגופים מיינט נישט דווקא, אין א קאלטער ווינטער נאכט אין א קאלטן אין דרויסן, קוילערענדיג זיך אין שניי און טובל'ענדיג זיך אונטערן אייז, סיגופים קען מען האבן אפילו אונטער דער ווארימער דאכענע, אויך דעמאלס קען מען פילן דעם טעם חיבוט הקבר, ווען מען דערמאנט זיך אין דעם אפט, אין דער נישטיגקייט פון א בשר ודם קעגן דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא... און מען פילט דאס, מאכט מען דאך ממילא נאס די קישענעס מיט טרערן ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: ברמעתי ערשי אמסה... אין יעדן אינדערפרי האט מען טאקע דעם רוזשינער' ס קישענעס געפונען נאס און דורכגעווייקט מיט טרערן. מען דערציילן: אז דעם לעצטן יום כיפור בעת דער הייליגער רוזשינער איז אריין אין קלויז צום דאווענען האט ער, האט ער ארויף געלייגט די הענט אויף דער מזוזה און געזאגט שטילערהייט די ווערטער: "הרינו כפרת ישראל"! אין דעם לעצטן יום הקדוש האט דער הייליגער רוזשינער איבערגעלעבט זייער א שווערן תענית. א מורא'דיגע דארשט האט אים געפייניגט. מען האט געזען, אז עס האלט ביי סכנת נפשות, אז עס איז ממש באו מים עד נפש, חסידים זענען ארומגעגאנגען צעדודערט, ווייל מען האט פשוט מורא געהאט פאר אן אומגליק, אזוי האט עס געדוידערט א גאנצן טאג ביז עס איז נאכט געווארן און מען האט שוין געמעגט טועם זיין, דאן האט זיך פלוצלונג דער דארשט פון אים אפגעטון. אבער דער שרעקליכע דארשט, וועלכען ער האט געליטן דערפון א גאנצן מעת לעת, האט פאראורזאכט פאר'ן רבי'ן א שווערע קראנקהייט, דער רבי איז געצווינגען געווען צו בלייבן אין בעט ,און אזוי ליגענדיג האט ער ווייטער פארגעזעצט זיין עבודת, און אויפגענומען זיינע חסידים. די קראנקהייט האט זיך אבער מיט יעדן טאג פארערגערט, מען האט אראפגעברענגט גרויסע דאקטוירים פון טשערנאוויץ, פון לעמבערג און אויכט פון וויען, אבער קיין איין דאקטער האט נישט געגעבן קיין גוטע האפענונגן און אלע האבן געפילט, אז די קאטאסטראפע רוקט אן נענטער ווי ווייטער.

אזוי האט עס געדוידערט ביז אום ג' חשון אין יאר תרי"א ווען ער האט זיך מיטאמאל געפילט גאר שלעכט. האט ער פלוצלונג געהייסן ארייננלאזן אלע אידן וואס האבן זיך געפונען אין הויף און מען האט געזאגט תהלים מיט גרויסע בכיות, און, אויפהייבענדיג זיינע הענט צו השי"ת, האט ער אויסגערופן מיט די לעצטע כוחות: די הייליגע גמרא זאגט, אז רבינו הקדוש האט פאר זייו פטירה אויפגעהויבן זיינע הענט זאגענדיג צו השי"ת: גלוי וידוע לפניך, נאר דו, רבונו של עולם, ווייסט,



אז נישט קוקענדיג אויף מיין גרויסע עשירות, האב איך פון דער וועלט נישט נהנה געווען אפילו אויף אזוי פיל, ווי דער קליינער פינגער, און איך שווער, אז איך האב נישט נהנה געווען פון דעם כולם אפילו כחוט השערה.

# 'דער רוזשינער פארטיילט די ירושה צווישן די קינדער'

פאר דער הסתלקות האט דער הייליגער רוזשינער צוגערופן צו זיין בעט אלע זיינע קונדער און געשמוסט מיט זיי דברים כבושים, צום סוף האט ער צו זיי אויסגעאופן: דער דרך העולם איז, אז יעדער טאטע לאזט איבער ירושה פאר זיינע קינדער, אבער וואס זאל איך אייך איבערלאזן אז פארמאגן פארמאג איך גארנישט... פונדעסטוועגן האט ער צוגערופן יעדן איינציגן פון זיינע



קונדער און אים איבערגעגעבן א טייל פון זיינע עצמיות. צום בכור, רבי שלום יוסף זיע"א, האט ער איבערגעגעבן א טייל פון זיין צורה. צום סאדיגורא רבי, זיין מח. צום ליאווער רבי, זיין עניוות. צום טשאקובער רבי, זיין יראה. צום שטעפינעשטער, זיין חכמה. און צום יונגסטן הוסיאטינער רבי, זיין מושכל ראשון.

דערנאך האט ער מוסף געווען: איך מיין נישט דערמיט צו זאגן, אז קיינער פון אייך קען נישט דערגרייכן צו וואס דער ברודער פארמאגט, וואס איך גיב אייך איז ירושה, און דאס איבריגע דארפט איר אליין זיך מייגע זיין כדי צו דערגרייכן צו עבודת הבורא. מיר געפינען ביי די הייליגע אבות: אלקי אברהם, אלקי יצחק אלקי יעקב. איז דאך די קשיא, צו וואס דארף מען צושטעלן דאסווארט אלקי צו יעדן איינעם פון די אבות, ס'וואלט דאך גענוג געווען צו שטעלן אלקי אברהם יצחק ויעקב, נאר דער תירוץ איז: כאטש יצחק האט דאך געקענט לערנען אלקות ביי זיין פאטער אברהם, אין יעקב ביי זיין פאטער יצחק דאך האט יעדער איינער פון די אבות אליין זיך פארטיפט אין דער געטליכקייט. אליין דערגרייכט די הכרה אלקות און נישט געוואלט דערגרייכן און נישט דורכן טאטען. באלד דערנאך איז פארגעקומען די הסתלקות פון גרויסן צדיק. דאס איז געשען כהרף עין, פאר די אויגן פון הונדערטער חסידים, וואס זענען געווען באותו מעמד. גרויס איז געווען דער טרויער אין דער חרדישע וועלט. מען האט געפילט, אז דער גרויסער אור וואס האט געלאכטן אזוי פיל יארן איבער'ן אידישן האריזאנט, איז מיטאמאל פארטונקעלט געווארן. בליץ שנעל האט זיך די טרויעריגע ידיעה פארשפרייט איבער גאנץ גאליציע, און יעדער איד, וואס האט זיך געפונען אין



א מרחק וואס איס מעגליך געווען צוקומען צו דער לוי' איז געקומען, און האט אלס אפגעלאזט אויף הפקר און געקומען צו פארן קיין סאדיגורה.

די בכיות און די יללות פון צענדליגער טויזענטער מלוים האבן פשוט די ערד נאס געמאכט, דער צער איז געווען אזוי גרויס, אז קיינער האט נישט געקענט זיך טרייסטן, עס זענען איינגעארדענט געווארן הספדים, ווי עס איז אפגעשאצט געווארן די גרויסער אבדה פארן כלל ישראל. לאנג האט דער שרעקליכער טרויער צוליב דעם הסתלקות פון הייליגן רוזשינער זיע"א געהאנגן איבער דער אידישער וועלט, און אפילו נישט חסידים האבן געפילט אז דער אידענטום האט פארלוירן א גרויסע און הייליגע פערזענליכקייט, א זייל אויף וועלכע כלל ישראל האט זיך סומך געווען.

## 'א סכסוך איבער די ירושה תפילין'

עס איז איבריג צו זאגן, אז דאס גרויסער עשירות וואס האט זיך געפונען אין סאדיגורא הויף איז געווען אין לשער, פונדעסטוועגן האט קיין שום זאך נישט אויסגערופן א סכסוך נאר א פאר תפילין. די דאזיגע תפילין האט דער רוזשינער באקומען בירושה פון זיין טאטע ר' שלום שכנא זצ"ל, וועלכע האט די תפילין גערשנ'ט פון זיין פאטער רבי אברהם המלאך זצ"ל. אין די חסידישע קרייזן שמוסט מען אז די דאזיגע תפילין האבן געהערט צום בעל שם טוב הקדוש און זענען געשריבן געווארן דורך זיינעם א תלמיד ברדושה ובטהרה.

די דאזיגע תפילין זענען באמת געווען א פלא דאס כתב פון די פרשיות איז אלץ געווען פריש, אזוי ריין, די אותיות און דער טינט האט אזוי געגלאנצט מיט פרישקייט, פונקט ווי זיי וואלטן נאר וואס אנגעשריבן געווארן. די דאזיגע תפילין זענען ביים הייליגן רוזשינער חשוב'ער געווען ווי אלץ אין דער וועלט. ער האט עס באטראכט פאר זיין טייערסטן אוצר, וואס קיין שום הון דעלמא האט לגבי דעם חשיבות נישט געהאט. ווען עס פלעגט צום רוזשינער קומען א גרויסן גאסט, און ער פלעגט אים בעטן צו ווייזן עפעס פון זיינע וועלט בארימטע אנטיקן, פלעגט דער רוזשינער אלץ שטאלצירן מיט זיינע תפילין. מען דערציילט אז ווען דער טריסקער מגיד זצ"ל איז געווען צו גאסט ביים רוזשינער, האט זיך דער מגיד געבעטן ווייזן די אזוי שטארק בארימטע תפילין דער רוזשינער האט פארשטייט זיך זיין חשוב'ן גאסט געוועזן די תפילין און דערביי דערציילט די פאלגענדע געשיכטע.

ווען די רוסישע רשעים האבן מיך גענומען אין תפיסה, האב איך באשלאסן נישט מיט צו נעמען די דאזיגע תפילין, ווייל איך האב מורא געהאט. ס'איז דאך עפעס א תפיסה טאמער ווערן זיי דארט חלילה פארפאלן. האב איך זיי דערביי געלאזט אין דער היים און אנגעזאגט איינע פון מיינע מענטשן, שטארק אכטונג צו געבן אויף דעם דאזיגן טייערן אוצר, און אין תפיסה האב איך מיטגענומען אנדערע תפילין. - פארוואס האט איר אייער ספר תורה'לע יא מיטגענומען אין נישט מורא געהאט אז עס וועט פארפאלן גיין - האט דער מגיד געפרעגט. איר פרעגט גאנץ גוט, טריסקער מגיד, אויך דעם ספר תורה'לע איז ביי מיר חשובער ווי אלע אוצרות און דער וועלט, אבער דער ספר תורה'לע האב איך געמוזט מיטנעמען מיט זיך צוליב א טעם כמוס, וואס גייט אריין אין גדר פון 'ליבא לפומא לא גליא'. גלייך ווען איך בין ארויסגעקטמען פון תפיסה - האט דער



רוזשינער פארגעזעצט דאס געשפרעך - גלייך בין איך אוועק אין מיין באהעלטעניש ארויסנעמען די תפילין און געלאזט זיי עפענען כדי זיך איבערצוצייגן צו די פרשיות זענען דארט ווי עס געהערט צו זיין. ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין צער דערזעהענדיג אז די אותיות זענען אינגאנצן באדעקט מיט א געדיכטן שימעל. איר קענט אייך פארשטעלן וואס איך האב דעמאלס איבערגעלעבט, שטעלט אייך פאר, ביי מיינע אבות האבן די תפילין זיך תמיד געהאלטן ריין און אויך ביי אונז האבן מיר יארן לאנג זיי אליין איבערגעזעהן עטליכע מאל אין יאר און קיינמאל האבן זיי נישט געדארפט קיין תיקון, און מיט אמאל זאל איך זיין געצוואונגען זיי מתקן צו זיין.

איך האב מיך גאנץ גוט צעוויינט, און צום סוף האב איך באפולן מיין שמש ער זאל גיין רופן מיין סופר. אבער ווי גרויס איז געווען דאס איבערראשונג, אז ווען איך האב דערלאנגט די תפילין פאר'ן סופר האב איך באמערק אז די תפילין זענען ריין ווי תמיד און זיי דארפן נישט דעם מינדערסטן תיקון. איך האב זיך נאטירליך זייער געפרייט, פונקט ווי עס איז פריער געווען גרויס מיין צער, אזוי איז יעצט גרויס מיין שמחה, און איך האב זיך משער געווען, אז דאס וואס איך האב פריער אויף די אותיות געזעהן א שימעל איז געווען א עונש דערפאר, ווייל איך האב די תפילין פארלאסט אזא לאנגע צייט. עס איז איבעריג צו זאגן, אז יעדער עיינער פון די רוזשינער'ס קינדער האט געוואלט זוכה זיין אין אט די זעלטענע הייליגע תפילין.

היות אבער ווי מען האט נישט געקענט אדורכרומען צווישן זיך האט מען באשלאסן דאס צו מאכן אויף אזא אופן, יעדער איינער פון די יורשים זאל אויפשרייבן אויף א צעטל, וויפל ער איז גרייט מוותר צו זיין פון דעם פאטער'ס ירושה בשכר ער זאל באקומען די דאזיגע תפילין, און ווער עס וועט די מערסטע מוותר זיין פון דער ירושה זאל באקומען די תפילין. אט די צעטליך האט יעדער אריינגעלייגט אין א פארמאכטע קאנווערט וועלכען מען האט איבערגעגעבן אין דער האנט פון עלטסטן ברידער רבי שלום יוסף זצ"ל, וועלכער האט זיך פארנומען מיט מחלק זיין ירושה. נאכדעם וואס מען האט שוין געהאט באשלאסן צוצווערטן און עפענען די קאנווערטן האט מען זיך מיישב געווען, אז דאס גלייכסטע איז א גורל ווייל דער וואס דארף באמת זוכה זיין צו די תפילין איז נישט שייך, אז ער זאל דורך דעם פארלירן זיין חלק ירושה וואס עס קומט אים על פי דין ועל פי יושר. אין אזוי איז געבליבן. צען האט געווארפן גורל, און זוכה געווען האט דער טשארטקאווער, הרה"ק רבי דוד משה זצלל"ה. נאכדעם ווי דער גורל האט שוין געוויזן, אז די תפילין געהערן שוין צום טשארטקוב'ער רבי זצ"ל, איז געבליבן אויף אן החלטה אז מען זאל עפענען די קאנווערטן כדי צו זעהן ווי ווייט די חשיבות די תפילין האבן און וויפל יעדער איינער איז גרייט מוותר צו זיין פון זיין חלק ירושה, כדי ער זאל באקומען די תפילין. און ווי איבערראשט זענען אלע געבליבן ווען מען האט געעפענט געם טשארקאבער'ס קאנווערט און דארט איס געשטאנען אויפגעשריבן אז ער איז גרייט מוותר צו זיין אויף דער גאנצע ירושה, ער זאל אפילו נישט באקומען א שוה פרוטה אבי ער זאל באקומען די דאזיגע תפילין. האבן די אלע ברידער'ס געזעהן אז פון אויבן וויל מען אזוי, און עס איז טאקע געבליבן ביים טשארטקוב'ער רבי.



רבנו ישראל אשר בן אברהם

# 'מען נעמט אויף דער אלטער רבי על כס אבותיו הקדושים'

דער הייליגער רוזשינער האט איבער געלאזט זעקס זון, און פיר טעכטער. וועלכע זענען אלע געווארן גרויסע רבי'ס. דער עלסטער זון הרה"ק רבי שלום יוסף זצ"ל איז געווען אין לייפציג ער איז נישט געווען דאן און א גוטע געזונט צושטאנד, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל איז געווארן ממלא מקום אין סאדיגורא אבער א יאר שפעטער - ע'מער שוין רעדן, הרה"ק רבי דוד משה זצ"ל איז געפארן קיין טשורטקוב, הרה"ק רבי מרדכי שרגא פייבוש זצ"ל איז געפארן קיין הוסיאטין, הרה"ק רבי מנחם נחום זצ"ל איז געפארן קיין שטעפינעשט, הרה"ק רבי דוב בער זצ"ל איז געפארן קיין לעווי, אין פאר די רוזינער חסידים איז באשערט געווען א שבר על שבר, און אינגאנצן געציילטע חדשים שפעטער, אום י"א אלול תרי"א, איז אויך דער, רבי שלום יוסף, נסתלק געווארן לבית עולמו.

היות עס איז געווען אלול, און די ימים נוראים זענען געשטאנען ביים טיר, זענען געקומען די ראשי החסידים, און געבעטן דעם קומענדיגן זון, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל, אז ער זאל זיך זעצן על כס אבותיו. טאקע אויף די ימים נוראים תרי"ב, האט דער אלטער רבי זיך געזעצט אויפן שטול פון זיין גרויסן פאטער, ער איז דאן אלט געווען ביים ווערן רבי אין די יונגע עלטער פון איין-און-דרייסיג יאר. אויף וועלכע ער איז געזעצן העכער דרייסיג יאר, ביז זיין הסתלקות, אינעם זעלבן טאג ווי זיין ברידער, אום י"א אלול תרמ"ג. דער רבי איז געבוירן אים כ' מרחשון אין יאר תק"פ, אין י"ח סיון תקצ"ד האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדיקת מרת מרים ע"ה בת הרה"ק רבי אהרן מקארלין בעל בית אהרן זיע"א. דאס זענען געווען גארשיינע יארן פאר סאדיגור'ער חסידות. 'דער אלטער רבי' (האדמו"ז), ווי ער איז באקאנט געווען צווישן די חסידים, האט גאר שטארק פארברייטערט די ראמען פון סאדיגור'ער חסידות, און פילע טויזענטער חסידים זענען געקומען צו פארן צו אים פון איבער גאנץ גאליציע, ווי אויך אקריינע און רוסלאנד. סאדיגורא איז דעמאלס געווען אינעם סעגול פון די דריי (צו פיר) 'גרעסטע חסידות'. דעם רבי'נס נאמען איז באקאנט געווארן איבער די וועלט, נישט נאר צווישן אידן, נאר אויך צווישן גויים ,און פילע גוי'אישע פריצים און דיפלאמאטן זענען געקומען באזוכן ביים רבי'ן.



## 'א מלך ישראל'

עס שטייט אין קובץ נחלת צבי (ח"ה עמ' קלד), אז ווען מען האט אנגעטראגן דעם שידוך פון דעם רוזשינער'ס זון הרה"ק רבי אברהם יעקב בעל אמת ליעקב - האדמו"ז זצ "ל מיט די טאכטער פון הרה"ק בעל בית אהרן מקארלין זי"ע, איז נאך געווען בחיים חיותו פון דער זיידע הרה"ק ר' אשר מסטאלין זי"ע, און ער איז נישט געווען ביכולת צו געבן דעם געפאדערטן נדן, איז דער שידוך נישט תיכף צושטאנד געקומען. א צייט שפעטער האט דער הייליגער רוזשינער מוותר געווען אויפ'ן נדן, און דער שידוך איז געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

יארן שפעטער האט דער הייליגער רוזשינער געפרעגט אמאל דער הייליגער בית אהרן פון קארלין: 'וואלט דען נישט געווען כדאי צו געבן דעם נדן וואס איך האב געבעטן פאר אזא חתן?!' האט דער בית אהרן - צום הייליגן רוזשינער'ס גרויסע ווינדער - גענטפערט: 'ניין. אפילו דאס וואס איך האב געגעבן איז אויך געווען איבריג'... אין דער בית אהרן האט ממשיך געווען: ווען איך האב געגעסן קעסט ביי מיין שווער, הרה"ק רבי מרדכי'לע קרעמניצער זצ"ל, האט מיין שווער אמאל מוצש"ק ביי א מלוה מלכה געהאלטן אויף זיין שויס מיין טאכטער אייער שנור. ווען מען האט געזונגען דעם ניגון "אמר ה' ליעקב" האט ער זיך אונגערופן צו זיין אייניקל מיין טאכטער: "דיין מאן וועט טראגן דעם נאמען יעקב און ער וועט זיין א מלך ישראל"! שפעטער, בעת מען האט איר אנגעהויבן אנטראגן שדיכים - האט דער בית אהרן דערציילט - האב איך זיך געגעבן א סימן: אויב דער אנגעטראגענער וועט טראגן דעם נאמען יעקב, און איך וועל זעהן אויף זיין פנימיות אז ער איז באשטימט צו זיין א מלך ישראל, וועל איך וויסן אז דאס איז דער ריכטיגער זיווג. ווען מען האט אנגעטראגן אייער זון ר' יעקב און איך האב געזעהן אז ער איז באשטימט צו ווערן א מלך ישראל, האב איך גלייך פארשטאנען אז דאס איז איר אמת'ער זיווג. דערפאר איז געווען איבריג יעדע פרוטה וואס איך האב געגעבן, ווייל כ'האב געוואוסט אז עס איז דאך מיינס...

## 'דער אלטער רבי אנטלויפט אינמיטן א זון'ס חתונה'

עס שטייט אין ספר כנפי יונה (עמ' כו) אין אזוי אויך אין ספר אמרת טהורת (פר' שופטים) אז פון ווען דער הייליגער רוזשינער איז אנטלאפן מיט זיין פארמיליע פון רוסלאנד, קיין עסטרייך, - ווי שוין פריער דערציילט - האט דער צארישע רעגירונג זיי פארבאטן אריינצוטרעטן אין לאנד. ווען דער באיאנער רבי הרה"ק רבי יצחק בעל פחד יצחק זי"ע, וואס איז געווען א זון פון אלטן רבי'ן בעל אמת ליעקב זי"ע, האט חתונה געהאט מיט הצדיקת מלכה ע"ה, די טאכטער פון הרה"ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זי"ע, וואס דער חתונה איז פארגעקומען פרשת שופטים, האט דער רבי געדארפט אנטלויפן אינמיטן די סעודת החתונה, ווייל עס איז אריינגעקומען א מסירה אז דער ראבינער פריעדמאן האט עובר געווען דאס געזעץ און אריין קיין רוסלאנד.

די רעגירונג האט געשיקט א טעלעגראם פאר דער קופיטאן (דער הויפט וועכטער ביים גרעניץ) אין נאוואסעליץ, ער זאל זאפארט פארשליסן דעם גרעניץ, כדי הרב פריעדמאן זאל נישט קענען דורכגיין. אבער מיט גרויסע ניסים האבן די חסידים זיך צייטליך דערוואוסט דערפון, אין פאר גרויס געלט האבן זיי אפגעקויפט דער קופיטאן מיט שוחד, ער זאל קיינעם נישט דערציילן אז ער האט באקומען דעם טעלעגראם ביז נאך דעם וואס דער הייליגער רבי גייט אריבער דעם גרעניץ צו דער עסטרייכישער זייט. וכך הוה, דער אלטער רבי איז אריבער די גרעניץ, און בעת ער איז דורט דורך, האט דער קופיטאן געשטאנען מיט זיין פרוי נישט צו ווייט, האט ער איר דערציילט בסוד וואס ער טוט דא יעצט, אז ער לאזט אריבער דעם ראבינער, און געצייגט מיט'ן פינגער אויף דעם רבי'ן. האט זיין פרוי באמערקט, אין זיך דערביי אנגערופן: פאר אזא רבי איז טאקע געווען כדאי אלעס וואס דו האסט געטון, אבער א פלא וואס אזא רבי זאל פארן און שפאנען אפילו א קליינעם טריט אנעם "בייבל", ווייל זי האט אים נישט געזהען טראגן קיין שום ספר אין די האנט. האט דער קופיטאן איר געענטפערט: איך וועל דיר געבן צופארשטיין, ער דארף שוין נישט דעם בייבל, ווייל ער איז אליין א "בייבל".



דער שמועס איז אנגעקומען צו די אויערן פון דעם רבי'נס גבאי'ן, וואס האט פארשטאנען רוסיש און האט נאכדעם איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן דעם אינהאלט פון דעם שמועס. האט זיך דער רבי אנגערופן: דער קופיטאן איז דאך גערעכט, די תורה זאגט דאך אזוי ביי א "מלך ישראל", ווי עס שטייט אין פסוק "והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו". הייבט זיך עס אן מיט א לשון נקבה, 'והיתה' עמו, און עס לאזט זיך אויס מיט א לשון זכור, וקרא 'בו' כל ימי חייו'. די כוונה איז, וקרא בו, דער מלך ישראל דארף ארײנליינען אין זיך, דאס הייסט ארײנברענגען אין זיך, די תורה זאל זיין גאנץ לעבן.

# 'דער בילבול אויפן אלטן רבי'ן'

שוין אין די ערשטע יארן פון די נשיאות פון דעם אלטן רבי'ן זי"ע, האט ער דערפילט דעם טעם גלוית, ווערענדיג ארײנגעצויגן אין א שרעקליכן בלבול, צוליב וועלכן ער איז געגאנגען אין תפיסה אריין, און פונקט ווי זיין פאטער דער הייליגער רוזשינער זי"ע, אזוי אויך זיין זון און ממלא מקום, געמוזט זיין פארשפארט אין תפיסה פאר א זינד וואס ער איז אויסדריקלעך נישט באגאנגען. די געשיכטע פון די דאזיגן אויסטערלישן בלבול איז פאלגענדע:

אין א רוסיש שטעטעל האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען חייקל, וועלכער האט זיך מפרנס געווען פון א נישט שיינע פרנסה. זיין עבודה איז געווען צו פאלשעווען געלט, נאכמאכן רוסישע רובל'ס און זיי פארשפרייטן צווישן די פויערן. דער דאזיגער איד איז אמאל געפארן קיין סאדיגורא הגם ער איז קיין חסיד נישט געווען. מאכט זיך א מעשה מען אנטדעקט היי דעם איד דאס פארבריקל מיט'ן פאלשן געלט. דער איד ווערט זעלבסט פארשטענדליך ארעסטירט, אבער דא קומט אונטער, ווי דער שטייגער איז אזעלכע פאלן, א אידישע מסור, וועלכער טראגט אונטער דער צארישע רעגירונג, אז דער סאדיגורא רבי זאל האבן חלילה געהאט עפעס א שייכות מיט דעם ענין "והא ראי" חייקל איז אמאל "געפארן" קיין סאדיגורא!...

די רוסישע רעגירונג האט זיך אין דעם אנגעכאפט ווי אין א אבן טוב. עס איז איבריג צו זאגן, אז עס האבן זיך געפונען "גוטע פריינד", פון די דעמאלסדיגע "משכילים", וועלכע האבן געגאסן אויל אויפ'ן דאזיגן פייער, מען האט דעם ענין צושמירט אויף קליינע טעלערלעך און ארויסגעקומען איז עס אין א פיין געריכט ,וואס איז געווען אזוי שטארק צום טעם פון צארישן סאטראפן. ענדליך האט זיך די רוסישע רעגירונג אפציעל געוואנדן צו דער עסטרייכישע רעגירונג, אז היות ווי עס איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז דער סאדיגורא רבי הרב פריעדמאן איז א שותף צו דעם דאזיגן מסחר, פאגערט אויף די רוסישע רעגירונג, אויפ'ן סמך פון קאנווענט צו פארפאלגן די פארברעכער, וואס ברענגן שאדן איינע פון די מלוכות, צו ארעסטירן דעם רבי'ן מיט זיינע נאנטע מקורבים. באלד נאך פסח פון יאר תרט"ז (1856) האט א ספעציעלע פאליציי אפטיילונג פון טשערנאוויץ, (אזא אזוי ווי די FBI אין אמעריקע) געמאכט אן איבערפאל אויפ'ן רבי'נס הויף אין סאדיגורא, צוגענומען זייער פיל ווערטפולע חפצים, ארעסטירט דעם רבי'ן מיט אכט פארזאן פון זיינע מקורבים און זיי אפגעפירט קיין טשערנאוויץ אין תפיסה. עס איז איבריג צו זאגן וואס פאר א גרויסער רעש עס האט אין דער אידישער וועלט ארויסגערופן דער דאזיגער סקאנדאל, וואס האט נישט זיינס גלייכן, צו נעמען און ארעסטירן א בארימטן צדיק אין רבי'ן, וואס פארמאגט



פיל טויזענטער חסידים, צוליב עפעס א נארישן בלבול, אין דער צייט וואס מען האט געוויסט, אז דער סאדיגור'ער רבי, איז א רייכער מענטש און ער נויטיגט זיך בכלל נישט אין אזעלכע געשעפטן, חסידים זענען ארומגעגאנגען שטארק נידערגעשלאגן, פארלוירן זיך און נישט געוויסט, וואס מען הייבן אן צו טון, בכדי דעם דאזיגן בלבול צו נישט מאכן און דעם רבי'ן באפרייען.

אבער דאס איז בכלל נישט אזוי לייכט אנגעקומען. די פארביסענע קעגנער פון חסידות האבן שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף אזא געלעגענהייט. שוין לאנג האבן זיי געזוכט וואס אפצוטון פאר'ן רבי'ן, און ווען האט זיך די דאזיגע געלעגענהייט געמאכט, האבן זיי עס באשלאסן אויסצוניצן אויפ'ן גרויסן אויפ'ן, כאטש קיינער פון זיי האט נישט געגלייבט אין דער גאנצער געשיכטע, וויסענדיג גאנץ גוט , אז עס איז נישט מער ווי א נארישער בלבול. האט מען גענומען צושמירן אין דער פרעסע די דאזיגע געשיכטע, איבערהויפט האט מען זיך געלאזט וואוילגיין אין דער אידיש דייטשער פרעסע, ווערלענדיג פארשווארצן דעם פנים פון די חסידים און די גוטע אידן אויף דער גאנצער וועלט.

אונפארשעמט איז די באשרייבונג אין דער ווינער אידישער "אלגעמיינער צייטונג" (זייט 183, יאר - 1856 תרט"ז) וואס איז אפגעדרייקט מיט ספעציעלע פעטע שריפט: "א גרויסע סקאנדאל האט ארויסגערופן דער פארט, וואס דער רבי פון די חסידים אין סאדאגורע איז פארהאפטעט געווארן, ווייל ער האט געפעלשט רוסישע געלטער. מען האט ביים רבי'ן אין קעלער געפונען די געלט פרעס. מען האט תיכף איינגעזעצט דעם רבי'ן צוזאמען מיט אכט מקורבים, וואס האבן זיך באטייליגט אין די פאבריקאציע פון די דאזיגע רובל'ס. מען האט אויך איינגעזעצט די אלמנה פון רבי' נס פאטער. זיין גרויס גוט אין קאלאמעא האט דערווייל די רעגירונג איבערגענומען. ביי דער פארהאפטונג זענען צוויי חסידים דערשאסן געווארן, ווייל זיי האבן געשטעלט א ווידערשטאנד".

דער דאזיגער נארישער באשרייבונג, האט קענטיג געמאכט א שווערן רושם אויף די מעסיגערע ליינער פון די צייטונג, האבן זיך אנגעהויבן גיסן א מבול פון אנפראגן און מען האט געשטורעמט די רעדאקציע מיט בריוו'ן, כדי זיך דערוויסן די פרטים פון דער דאזיגער אויסטערלישער געשיכטע. די רעדאקציע האט דעריבער ארויסגעשיקט א שליח קיין טשערנאוויץ, וועלכער האט פעסטגעשטעלט, אז קיין געלט פרעס האט מען אין קעלער פון רבי'נס הויז נישט געפונען. אויך האט מען דעם אלטן רבי'נס אלמנה נישט ארעסטירט. נאריש איז אויך די באהויפטונג, אז צוויי חסידים זענען דערשאסן געווארן, ווייל קיינער האט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאנד. דער רבי מיט אכט פון זיינע נאהנטע זענען טאקע ארעסטירט געווארן, און זיי זיצן אין טשערנאוויצער צענטראל ארעסט. דאס גוט פאטאק זלאטי האט די רגירונג צוגענומען אלס משכן. מען האט אויך צוגענומען דעם רבע'נס מזומן פארמעגן, צווישן דעם איז געווען פינעף טויזענט גילדן, וואס געהערט צום ארץ ישראל כולל, ווייל דער רבי איז געווען דער נשיא פון כולל, ווי אויך אלע ווערט זאכן. די דאזיגע זאך האט אין גאליציע געמאכט א טיפן און שטארקן איינדרוק. מיר ווען יעצט אריבער גיין צום געשיכטע ווי אזוי עס איז אריבער פאר'ן רבי'ן "אין תפיסה":



## 'דער אלטער רבי אין תפיסה'

עס איז קיין מיטל נישט געווען ווי אזוי צו באפרייען דעם רבי'ן. אלץ איז אפהענגיג געווען פון דער אויספארשונג, וואס דער רוסישע אויספארשונג מאכט האט געפירט. אבער צו להכעיס, כדי דער רבי זאל וואס לענגער שמאכטן אין תפיסה, האבן די רוסישע רשעים דעם גאנצן ענין אוועקגעלייגט אין א זייט און גארנישט צוגערורט צו דער אויספארשונג. דער הייליגער רבי איז דעריבער געצווינגען געווען צו פארבלייבן אין תפיסה.

חסידים האבן דאן געזאגט: אז דאס האט די רוסישע מאכט ספעציעל זיך נוקם געווען אין רבי'ן זצוק"ל, צוליב דעם דורכפאל וואס זיי האבן געהאט ביי זיין פאטער דעם הייליגן רוזשינער זצ"ל, וועלכער האט זיך אויף אזא וווּנדערליכן אויפן ארויסגעריסן פון זייערע הענט. דאס וואס זיי האבן נישט געקענט דערגרייכן ביים פאטער, האבן די רשעים געוואלט דערגרייכן ביים זון. און באמת האט דער רבי אין טשערנאוויץ געהאט זייער א שווערע תפיסה. נישט בלויז דערפאר ווייל מען האט אים צוליב א נארישן בלבול אפגערוסן פון זיין היים, פון זיין פאמיליע און פון זיינע טויזנטער חסידים, באראובט פון דער פריי געהאלטן פארשפארט אין אן ענגן קאמער, נאר הויפטזיכטליך דערפאר, ווייל ער האט אין תפיסה געהאט געוואלדיגע שטערונגן אין זיין עבודת הבורא און האט נישט געקענט דינען דעם אויבערשטן ווי ער איז געוואוינט געווען. אט די יסודי הנפש האבן דעם רבי'ן אזוי פיל געערגערט און אין דעם איז באשטאנען דער אמת'ער צער פון שמאכטן אין תפיסה. קודם כל האט דער רבי נישט געהאט פאר זיך קיין באזונדער צימער, ווי ער האט עס דער תפיסה מאכט פארלאנגט, דער טורמע שעף - א גרויסער שונא ישראל - האט נאר געזוכט עצות צו פארביטערן דאס לעבן פון דעם בארימטן רבי'ן. האט ער אין דעם זעלבער קאמער, צוזאמען מיטן רבי'ן אריינגעפאקט אן אוקריינישן היידאמאק, אן אויסוואורף פון דער ערשטער קלאס, און דערצו א שונא ישראל, אין דער דאזיגער היידאמאק איז געווען דער שכן פון רבי'ן אין משך פון חדשים לאנג. מיט אים האט דער רבי געדארפט זיך טיילן מיט די ענגע תפיסה קאמער.

שווער צו שילדערן, וואס דער רבי האט דעמאלס איבערגעלעבט. דער היידאמאק האט אים פשוט נישט געלאזט דאווענען. א חוץ דעם האט ער פאראומרייניגט די קאמער, אז עס איז נישט געווען אויסצוהאלטן. דער טורמע שעף האט אפילו קיין בענקל נישט אריינגעלאזט אין דעם קאמער. א גאנצע טאג האט די רבי געמוזט זיך האלטן אויף די פיס, און נישט געהאט ווי זיך אנצושפארן, שלאפן האט דער רבי געמוזט אויף דעם בעטל, וואס האט זיך, ווי אין יעדע תפיסה מיט'ן אנקומען פון דער נאכט ארויסגערוקט פון דער וואנט. די צוויי בעטלעך וואס האט זיך אויטאמאטיש ארויסגעריקט פון דער וואנט אין אנהייב פון דער נאכט האבן ממש אנגעפילט דאס גאנצע קאמער און עס איז מער נישט געווען ווי זיך צו רירן. טאמער האט דער רבי געוואלט נאך אויף בלייבן און עוסק זיין אין זיינע ענינים, איז עס נישט מעגליך געווען. א חוץ דעם, האט דער היידאמאק פארפירט אז מען לאזט אים נישט שלאפן - אזעלכע ליידן האט דער הייליגער רבי געהאט אויסצושטיין. מיט גרויס פראטעקציע און פאר שווערע געלט'ער האבן די חסידים אויסגעפועלט ביים טורמע שעף, ער זאל ערלויבן ארײנשטעלן פארן רבי'ן א סאפע בעטעל, ווי דער רבי זאל זיך קענען צושפארן און ער זאל נישט דארפן א גאנצן טאג שטיין אויף די פיס. אויך זאל ער באנאכט דערויף שלאפן און נישט אויף דעם הארטן בעט. דאס האט אבער פארדראסן דעם היידאמאק, און ער איז געפאלן אויף א המצאה. ער האט ארויפגענייט אויף דער סאפע א



קובץ ישראל אשר בך אתפאר

קרייץ, זייענדיג זיכער, אז דער רבי וועט זיך שוין נישט צושפארן אויף דער סאפע, אויף וועלכע עס איז ארויפגענייט א קרייץ, ממילא וועט ער שלאפן אויף דער סאפע און דער רבי אויף די הארטע בעט.

און כך הוה, ווי נאר דער רבי האט דערזעהן דעם אויסגענייטן קרייץ, האט ער זיך שוין מער נישט געוואלט צושפארן אויף דעם סאפע. דער רשע האט גאר שטארק געקוועלט פון זיין ווילדער המצאה, די סאפע, וועלכער איז פאר שוועך געלט אריינגעברענגט געווארן אין קאמער דורך די חסידישע שתדלנים, האט געדינט אלס געלעגער פאר'ן רשע און דער רבי איז ווייטער געצווינגען געווען צו שטיין אויף די פיס א גאנצן טאג. דערצו נאך האט זיך נעבן די טורמע געפונען א קירכע. דאס קלינגען פון די גלאקן האט דעם רבי'ן זייער מצער געווען. מבלבל געווען פון זיין עבודה, האט ער זיך כסדר אזוי פארשטאפט די אויערן מיט די שפיץ פינגער און גאנצע טעג געשטאנען אין א ווינקעלע נישט געבענדיג זיך א ריר.

די חוצפה פון דעם היידאמאק איז אבער וואס אמאל געווארן אלץ גרעסער. כל זמן ער האט זיך באגעניגענד מיט חוזק מאכן אין דער שטיל אונטער דער רבי'ס פלייצעס, האט דער רבי עס נאך פארשוויגן, האלטענדיג, אז אויך דאס איז א טייל פון דער תפיסה, אבער אט האט זיך דער פערשוין ערלויבט אפילו צו שטערן דעם רבי'ן אין מיטן זיין דאווענען. דאס האט שוין דער רבי נישט געקענט פארטראגן. און ווען די וועכטער פון תפיסה איז אמאל געקומען צו אים, האט ער געפאדערט היי אים מען זאל ארויסנעמען דעם 'שכן' זיינעם פון דער קאמער. דער וועכטער, האבענדיג גרויס דרך ארץ פארן רבי'ן, איז גלייך צוגעלאפן צום תפיסה שעף און איבערגעגעבן אים דעם רבע'נס פארלאנג. דער תפיסה שעף האט אבער חוזק געמאכט פון דעם רבי'נס פאדערונגן ,אדרבה, עס האט אים נאך מער הנאה געטון די מעשה, זעהענדיג דערין א באוויז, אז דער היידאמאק דערקוטשעט זייער שטארק דעם רבי'ן און אלס שכר דערפאר, האט ער פאראדרענט צו געבן דעם היידאמאק א דאפעלטע פארציע שפייז יעדן טאג. דער רשע, זעהענדיג, אז פארן דערקוטשן דעם רבי'ן ווערט ער נאך באלוינט, האט ער זיך גענומען מיט מער חשק צו פייניגן דעם רבי'ן. און איינמאל, א מאנטאג איז עס געווען, ווען דער רבי האט געהאלטן אינמיטן דאווענען, האט זיך דער היידאמאק גאר שטארק צוזינגען אויפן קול. דאס האט דעם רבי'ן זייער פארערגערט, און האלטענדיג ביים לאנגן 'והוא רחום', ביי הבט משמים וראה כי היינו לעג וקלס בגוים, האט זיך דער רבי שטארק צעוויינט. אבער באלד האט ער זיך מחזיק געווען און אויסגערופן מיט גרויס התלהבות, ובכל זאת שמך לא שכחנו נא אל תשכחנו!... די דאזיגע תפילה האט דער רבי פיל מאל איבערגע'חזר'ט מיט גרויס התלהבות.

פלוצלונג איז געשעהן אן אויסטערלישער זאך: דער היידאמאק האט זיך פלוצלונג אנגעהויבן ווארפן ווי א קדחת. א טויט שרעק איז אויף אים געפאלן. ער האט זיך אנגעהויבן רייסן די האר פון קאפ. ער האט פארלוירן דאס לשון, זיין גאנצער גוף איז מיטאמאל ווי איינגעשרימפן געווארן פאר גרויס יסורים . דאס האט געדויערט א לענגערע צייט .אבער שפעטער האט ער צוריק באקומען דעם לשון, און ער האט אנגעהויבן שרייען מיט שרעקליכע קולות: ראטעוועט, איך שטארב! די דאזיגע קולות האבן אויפגעוועקט די גאנצע טורמע, אלץ האט זיך געשטעלט אויף די פיס. עס זענען זיך צוזאמענגקומען די וועכטער און קאנצעלאריע שרייבער און פאר זייערע אויגן האט זיך פארגעשטעלט אן אויסטערלישן בילד: אין א ווינקל פון דער קאמער איז געשטאנען דער רבי איינגעהילט אין טלית און תפלין מיט'ן פנים צו דער וואנט און כמעט זיך נישט באוועגט, בעת



דער היידאמאק איז געווען גרין און געהל פאר יסורים, געריסן זיך אויף די גלייכע ווענט און געהאלטן אין איין שרייען: ראטעוועט, נעמט מיך ארויס פון דאנען, דער רבי שניידט פון מיר לעבעדיגע שטיקער, ער הרג'ט מיך!... אין שרעק איז עמיצער פון די וועכטער געפאלן צום טורמע שעף. אבער אויך אין דעם קאבינעט פון שעף האט זיך דערזעהן א מורא'דיג בילד. אבער אנשטאט וואס אין קאמער האט דער היידאמאק געריסן זיך די האר פון קאפ, גערדאפעט זיך אויף די גלייכע ווענט און געשריגן שרעקליכע קולות, האט ער אין דעם עלעגאנטן קאבינעט געפונען דעם שעף וואלגערן זיך אויף דער ערד אין קאנוואלסיע, ווי ער וואלט באקומען אן עפילעפסיש אנפאל... דער וועכטער איז גלייך געלאפן אין קאמער אריין און מיט א געוואלד ארויסגעריסן דעם היידאמאק פון רבי'נס קאמער לאזענדיג דעם רבי'ן מיט זיך אליין. ערשט דאן איז ביידע מיטאמאל בעסער געווארן. דער טורמע שעף איז געקומען צו זיך און דער היידאמאק'ס שרעק איז פארשוואונדן.

## 'דעם רבי'נס באפרייאונג'

זייט דעמאלס האט זיך די גודל פון רבי'ן געענדיגט צום בעסערן. דער טורמע שעף האט פשוט געציטערט פאר זיין לעבן און האט אלץ געטון, וואס מען האט פון אים פארלאנגט לטובת דעם רבי'ן. ער האט גלייך פאראדערט אריבערצופירן דעם רבי'ן אין א גרויס ליכטיג צימער מיט פענסטער'ס, וואס גייען ארויס אין טורמע גארטן. ער איז אליין געקומען צום רבי'ן, געפאלן אים צו די פיס ,און געבעטן דער רבי זאל אים מוחל זיין פאר די אונאנגענעמליכקייטן, וואס ער האט אים פארשאפן און דערפאר איז ער גרייט אלעס צו טון פארן רבי'ן, וואס גייט נאר אריין אין די ראמען פון געזעץ. דער רבי האט דאן אוסגעארבעט, אז קודם כל זאל דער גבאי מעגן זיך געפונען ביי אים אין קאמער, און אז שבת און יום טוב זאל צוגעלאזט ווערן א מנין צום דאווענען און מען זאל אויך אריינלאזן א ספר תורה אין דער תפיסה. זייט דעמאלס איז דאס תפיסה קאמער פארוואנדעלט געווארן אין א בית המדרש. פאר א פאר גראשן וואס מען האט געגעבן די וועכטער האט ער אויך אמאל צוגעלאזט צום רבי'ן א זייטיגער מענטש, דער גבאי האט זיך שטענדיג געפונען ביים רבי'ן. און שבת איז געקומען פון שטאט סאדיגורא א מנין אידן, וואס האבן געדאווענט מיט דעם רבי'ן און א לענגערע צייט פארברענגט מיטן רבי'ן.

ערשט דאן האט דער רבי אויפגעלעבט. באקומען א בעסערן אוסזעהן און מיט מער ברען גענומען עוסק זיין אין זיין עבודת הבורא. אבער די שווערע איבערלעבענישן אין דער פריערדיגע תפיסה קאמער, האט איבערגעלאזט זיינע שפירן אויפ'ן רבי'נס געזונט. פון לאנג שטיין אויף די פיס, האט ער באקומען אפגעשוואכטע פיס, פון וואס ער האט אלע זייגע לעבענס יארן געהאט צו ליידן. און פון דעם שטענדיג האלטן די שפיץ פינגער אין די אויערן האט זיך אים געמאכט אן אויערן קראנקהייט, פון וועלכער ער האט זיך קיינמאל נישט אויסגעהיילט. פופצן חדשים צייט האט דער רבי פארברענגט אין תפיסה. פופצן חדשים צייט איז ער געווען אפגעריסן פון דער היים, פון דער פאמיליע און פון זיינע טויזענטער חסידים, צוליב עפעס א נארישן און לעכערליגן בלבול, פון וועלכען קיינער האט אין אנהייב נישט געגלייבט, ביז די באפרייאונג איז ענדליך געקומען צוליב אן אינטערוועניץ פון א אויסלענדישע גרויסע אידישע פערזענליכקייט, וועמענס השפעה איז



קובץ ישראל אשר בך אתפאר



געווען זייער גרויס אויף דער גאנצער וועלט און מיט זיין פאדערונג און גאראנטיע האט מען זיך געמוזט רעכענען. נאך א קארצער דיפלאמאטישער פארהאנדלונג איז ענדליך ארויסגעגעבן א באפעל תיכף צו באפרייען דעם רבי'ן פון תפיסה און צוריקקערן אים די געלט אין אלעס וואס מען האט פון אים צוגענומען. אין אזוי ארום האט זיך געענדיגט די תפיסה געשיכטע פון דער אלטער רבי זצ"ל.

דער רבי האט אויך פארענדיגט די צוויי גרויסע פראיעקטן פון זיין פאטער, דער גרויסער קלויז און סאדיגורא, אין אזוי אויך די 'תפרת ישראל' שול אין אלט שטאט ירושלים עיר הקודש.

## 'תפרת ישראל שול' אין אלט שטאט ירושלים'

די קאמף פון די כוחות הקדושה פונעם הייליגן רוזשינער, קעגן די כוחות הטומאה פון דער סטרא אחרא אין פארעם פון דעם רוסישן צאר ניקאליי ימ"ש, איז נישט נאר פארגעקומען אין די גרעניצן פון רוסלאנד נאר איז געפירט געווארן גאר ווייט אוועק. דער צאר הצורר האט געוואלט אראפשטעלן א פוס אין אלט -שטאט ירושלים, מיט'ן אפקויפן א בנין נישט ווייט פון דעם הר הבית. אבער דער הייליגער רוזשינער האט באלד גענומען שריט און האט אין איילעניש געשיקט זיין געטרייער שליח החסיד רבי ניסן באק, צו שנעל אפקויפן דעם שטח נאך איידער דאס וועט אריינפאלן אין די הענט פון דעם רוסישן צאר. דער רוזשינער האט געשיקט אן אסטראנאמישן סומע געלט צו אפקויפן דעם שטח, און האט באפוילן פאר זיין חסיד רבי ניסן צו בויען אויף דעם פלאץ א שיינע גרויסע בית המדרש, צולייגנדיג א הבטחה אז די תפילות פון אלע אידן פון די וועלט וועלן פון דארט ארויפגיין למעלה! ממש אין די לעצטע רגעים האט רבי ניסן מצליח געווען צו אויסכאפן די שליחים פון ניקאליי ימ"ש. און האט דארט אויפגעשטעלט דעם באקאנטן 'תפארת ישראל' שול.



ווען ניקאליי איז געוואויר געווארן אז די שליחים פונעם רוזשינער האבן אים אויסגעכאפט, און זיי האבן שוין אפגעקויפט דעם שטח. איז ער אויפגעשפרינגען מיט א כעס און געשטורעמט מיט אויפרעגעניש: "אייביג כאפט ער מיר אויס, און שטעלט מיר אונטער פיסלעך" האט ניקאליי אויסגעשריגן מיט צארן. למעשה האט ער אפגעקויפט אן אנדערע שטח ארויס פון אלט-שטאט, דארט האבן זיי להבדיל געמאכט א קלויסטער, און עס רופט זיך 'מגרש הרוסים'. די שול האט פארצייטנס געטראגן מערערע נעמען,



מאנכע האבן עס גערופן די רוזינער שול, אנדערע די ניסן באק שול, אבער איר אפיציעלער נאמען איז געווען די 'תפארת ישראל' שול. עס איז דא דערויף מערערע לעגענדעס סיי איבער'ן אפקויפן די שול ,מען דערציילט אז אין די זעלבער צייט ווען דער הייליגער רוזינער האט געשיקט זיינע שלוחים, האט אויך, להבדיל, דער צאר ניקאליי געשיקט זיינע שלוחים, עס איז געווען א מלחמה צווישן די קדושה און די טומאה, אין ענדע האט די קדושה מנצח געווען, דער רוזינער האט געקויפט דעם שול. די שול איז געווען אין באנוץ ביז צו דער קריג. איז יעצט, איז דא אן אינטערסאנטע געשיכטע מיט דעם דאך פון דער שול.

"ווען ר' ניסן באק האט געבויט די שול האט ער נישט געהאט קיין געלט צו צוענדיגן די בויערײ, ער איז שטעקן געבליבן ביי דער דאך. אין יענער צייט איז פראנץ יאזעף געקומען אויף א באזוך קיין ירושלים. צווישן אנדערע איז ער געקומען אויף א באזוך אין דער רוזינער שול. דער קעניג האט גלייך באמערקט אז דער דאך פעלט, ווען ער האט געפרעגט רבי ניסן וואס איז מיט דער דאך, האט ער אים געענטפערט אז דער שטייגער ווען א קעניג קומט טוט מען אויס דער הוט לכבודו און דא האט די שול אויסגעטון איר הוט לכבודו פון דעם קעניג..." דער קעניג האט פארשטאנען דעם ווערטל און אויך דעם רמז און האט געגעבן אסאך געלט פאר'ן שול עס זאל קענען ענדיגן איר דאך. מען האט טאקע דעמאלס געבויט דעם דאך, עס איז געווען א שיינער רונדיגער דאך. בחיי מרן רבינו הקוה"ט בעל עטרת ישראל איז די שול אריבער רענאוואציעס. נאך יארן לאנג וואס עס איז געשטאנען חרוב, האט מען עס דאן איבער געבויט גענוי ווי אזוי זי איז געווען.



# 'דער היסטאריע פון די "קלויז הגדול" אין שטאט "סאדיגורה"

דער גרויסער ספעציעלער יחוס פון די קלויז אין שטאט סאדיגורה, איז דער פאקט, אז דער הייליגער רוזינער זיע"א האט אליין אויספלאנירט דעם אויסשטעל פונ'ם ביהמ"ד, און זיך נישט באנוצט מיט ארכיטעקטן און פאכלייט דאס צו טוען. נאך וואס דער הייליגער רוזינער האט שוין



געהאט פולקאם פארענדיגט די געניע פלענער פון דעם בית המדרש, איז דאן אהינגעקומען דער גרויסער צדיק הרה"ק רבי משה מסאווראן זי"ע, פון ד י נאנטע פריינט און תלמידים פונ'ם רוזינער זי"ע.

איידער ער איז אהיימגעפארן ,האט אים דער רבי געוויזן די פלענער פון די קלויז וואס ער וויל לאזן אויפבויען. דער הייליגער סאווראנער האט זיך פארטראכט פאר א ווײַלע. און רופט זיך דערנאך אן: "רבי! בויט נישט דעם קלויז"... דער רוזשינער האט אנגענומען זיין בקשה אן פרעגן פארוואס, און האט טאקע אפגערופן דעם פלאן.



## 'דער 'קלויז ווערט אויפגעבויט דורך דער אלטער רבי זיע"א'

דער קלויז איז טאקע נישט אויפגעבויט געווארן בחייו פון דער הייליגער רוזשינ'ער, נאר איז אויפגעבויט געווארן ארום פערציג יאר שפעטער, דורך דער זון און ממלא מקום פון דעם הייליגן רוזשינ'ער. דער אלטער רבי'ן, הרה"קרבי אברהם יעקב זיע"א. די קלויז איז אויפגעבויט געווארן אויף א פראכטפולן פארנעם, ממש ווי א פאלאץ, און האט אנטהאלטן א ריזיגן היכל הבית מדרש צום דאווענען, וואס איז צום באוואנדערן ווי עס איז מעגליך געווען צו בויען אזא גרויסער היכל הבית מדרש אן קיין שום זוילן אינדערמיט. באזונדער איז געווען א גרויסער זאל צו פראווען טיש'ן און גרויסע צוזאמקונפטן. אויך זענען אלע גרעסערע געשעענישן אין דעם סאדיגורא הויף דארט פארגעקומען. אויך איז געווען דער "חדר מיחוד" דער 'דאוון שטיבל' (דער קודשי קדשים, ווי פריער דערמאנט) וואו דער רבי האט געדאווענט, ווי עס איז איינגעפירט אין די רוזשינ'ע הויפן אז דער רבי דאווענט נישט אין דעם בית המדרש, נאר אין א באזונדערן צימער וואס איז אפן צום בית המדרש. (ווי מיר האבן שוין געשריבן פריער).



# מ'ען געזעגנט זיך פון שטאט סאדיגורה, מ'ען געזעגנט זיך פון "הייליגן קלויז"

דער בית המדרש האט למעשה געדינט אלס מקום תורה ותפלה ביי עטליכע פון די אדמור"י בית סאדיגורא, נאכן הסתלקת פון דער אלטן רבי'ן האט זיין זון הרה"ק רבי ישראל זצ"ל דער הייליגער בעל אור ישראל איבערגענומען דעם כסא הרבנות, און ווייטער געפראוועט אין דעם קלויז.

נאך זיין הסתלקות אין יאר תר"מ לפ"ק, האט איבערגענומען זיין זון הרה"ק רבי אהרן זצ"ל בעל קדושת אהרן, וואס האט ליידער נישט מאריך ימים געווען על ממלכתו. (ווי מיר וועלן שוין שפעטער זעהן באריכות), און איז הסתלק געווארן נאך זעקס יאר. דאן האט זיין זון הרה"ק רבי מרדכי שלום יוסף זצ"ל בעל כנסת מרדכי איבערגענומען דאס רבנות, זייענדיג אלט בלויז זעכצן יאר, און דאס געפירט ביז'ן ערשטן וועלט-קריג אין יאר תרע"ד לפ"ק. ביי די טיש'ן וואס ער פלעגט פראווענען, זענען נאך געזעסן זעקס - אין-דרייסיג חסידים וואס האבן נאך געזען דעם הייליגן רבי'ן דעם הייליגן רוזשינ'ער!. ביז'ן ערשטן קריג, האט דער הייליגער כנסת מרדכי געפירט דאס רבנות, און ממשיך געווען די שלשלת הקדושה לבית רוזשין – סאדיגורא. ווען די צרות ביים ערשטן קריג האט זיך אנגעהויבן, זענען די אידישע איינוואוינער געווען געצוואונגען צו פארלאזן די שטאט. דאן איז דער רבי, דער כנסת מרדכי אנטלאפן קיין וויען אין עסטרייך, וואו דער רבי איז פארבליבן ביז'ן צווייטן קריג, וואס דאן איז ער ארויף קיין ארץ ישראל (ווי ע'מער שוין אנקומען צו דעם). קיין סאדיגורא האט מען זיך קיינמאל צוריקגעקערט צוליב קאמוניזם וואס האט דארט געהערשט. די ספרי תורה פון דעם הייליגן קלויז זענען געראטעוועט געווארן דורך





דעם רבי'נס פעטער הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל וואס האט איינגעשטעלט זיין לעבן דאס צו ראטעווען בשעת עס זענען שוין געפלויגן באמבעס אין די גאסן. איינס פון די ספרי תורה איז נאך דא ביז'ן היינטיגן טאג.

זינט דאן האט מען גארנישט געהערט פון די קלויז, עס איז אלע יארן געווען אנגענומען אז די קלויז האט געטיילט דעם זעלבן ביטערן גורל ווי רוב בתי מדרשים איבער אייראפע, און איז חרוב געווארן ביז'ן אפגרונד, צי ביים ערשטן קריג און אויב נישט אוודאי ביים צווייטן קריג. אזוי אויך ווענגן מקום מנוחת קדשו פונ'ם הייליגן רוזשינ'ער זיע"א און די אלע אנדערע אדמור"י בית סאדיגורא, איז נישט געווען באוואוסט וואס איז מיט זייערע קברים, צי דאס שטייט נאך אדער נישט, ווייל ביים צווייטן קריג האבן די רשעים די דייטשן ימ"ש פרובירט אפצומעקן יעדן זכר פון אידישקייט, אין אויסגערוסן רוב בתי חיים.

# 'די שטוינענדע אנדעקונג... די קלויז שטייט נאך גאנץ!!!'

דורכאויס די אלע יארן זינט דעם צווייטן קריג האט מען נישט געקענט אנקומען קיין סאדיגורא צוליב וואס אוקריינע איז געווען הערמעטיש פארשלאסן אונטער דעם 'סאוויעטישן פארבאנד', און דאס גליסטונג אין דארשט ביי חסידי בית רוזשין און סאדיגורא איז געוואקסן אלץ מער און מער צו דאווענען אויפן הייליגן ארט פון די קלויז און ביי די ציונים הקדושים פון די אדמור"י בית רוזשין סאדיגורא. ווי אויך האט דער נייגער געברענט צו וויסן וואס איז געווארן מיט די קלויז און מיט די הייליגע קברים, אבער מען האט גארנישט געקענט טוען, ווייל די טויערן זענען געווארן פארמאכט! אין יאר תשמ"ח לפ"ק, צוויי יאר איידער קאמוניזם איז צעפאלן און צובלאזן געווארן ווי א זייפן בלאז, האט א איד פון אנטווערפן - אן אלטער סאדיגור'ער חסיד הרה"ח ר' חיים קויפמאן ע"ה, באקומען א וויזע אריינצוגיין קיין רוסלאנד אויף ביזנעס צוועקן, אבער ער האט זיינע ערשטע טריט געווענדן צו די שטאט סאדיגורא צו זעהן וואס טוט זיך דארט, ווי נאר ער איז אנגעקומען צו די שטאט, איז ער שיער אינדערגעפאלן... נאך איידער ער האט אראפגעלייגט זיינע רענצלעך האט ער זיך פארבינדן קיין לאנדאן צום רבי'ן דער בעל עטרת ישראל זצוק"ל (וואס האט נאך דאן געוואוינט אין לאנדאן, אלס אבדק"ק סאדיגורה לאנדאן), און מיט התרגשות אויסגעשריגן, "די קלויז שטייט נאך ממש אזוי ווי מ'האט דאס פארלאזט ביים ערשטן קריג!!!"... און איך ווייסט וואס נאך - איז דער ר' קויפמאן ממשיך מיט אויסטערלישע איבערגענומענקייט - "דער ציון פונ'ם הייליגן סבא קדישא דער הייליגער רוזשינ'ער מיט די אלע אנדערע אדמור"י בית סאדיגורה שטייען אומבארירט!!!"...

די פריידיגע בשורה האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט און אריינגעברענגט א גיוואלדיגער פרייד אין די חסיד'ישע וועלט בכלל און ביי חסידי סאדיגורא בפרט. דער רבי, דער עקבי אבירים'ס זון דער רבי בעל עטרת ישראל וואס נאך דאן פון לאנדאן, האט זיך תיכף פארבינדן מיטן פאטער





כבו"ק דער עקבי אבידים זצוק"ל, וואס האט נישט געקענט צו זיך קומען פאר שמחה און התרגשטת, און האט זיך תיכף ארייגעווארפן אין די ארבעט צו קענען ערלעדיגן אז מען זאל קענען אהינפארן צו קענען פוקד זיין די הייליגע 'קברי אבות', די ציונים הקדושים פון די הייליגע זיידעס. מען האט זיך תיכף פארבינדן מיט די ארטיגע אינסטאנצן, און זיי געבעטן אז מען וויל אפקויפן דאס פלאץ, דער קאמוניסטישער רעגירונג האט צוערשט געלייקנט אז עס עקזיסטירט בכלל אזא שטאט ווי סאדיגורא, זוכנדיג זיך ארויסצודרייען, אבער דאן האט מען זיי געשיקט בילדער וואס זענען געכאפט געווארן פון אויבן מיט א דרוין וואו מען זעט קלאר דאס פלאץ. מיט דעם אלעם האבן זיי געמאכט גרויסע פראבלעמען, און בלויז נאך עטליכע חדשים האט מען באוויזן צו באקומען די נויטיגע רשות צו קענען גיין באזוכן דאס פלאץ און דאס זען מיט די אייגענע אויגן.

## 'דער היסטארישער באזוך אין די שטאט 'סאדיגורה'

נאך יענע יאר, תשמ"ח לפ"ק, איז כבו"ק דער רבי זצוק"ל דער עקבי אבידים, ארויסגעפארן מיט אן ענגן צאל מקורבים, אינאיינעם מיט זיין זון כבו"ק דער רבי בעל עטרת ישראל זצוק"ל - וואס צוזאמען זענען זיי געווען א קארגער מנין - און האבן אינאיינעם באזוכט דאס שטאט און די הייליג קלויז. דאס זענען דאן געווען גאר היסטארישע מאמענטן, נאך א צייט אפשניט פון העכער זיבעציג יאר וואס מען האט נישט באזוכט דאס פלאץ, קומט יעצט אן אייניקל - כבו"ק דער עקבי אבידים ממלא מקום אבותיו באזוכן און משתטח זיין אויף קברי אבות. דאס האט דאן ארויסגערופן גרויס התרגשות און איבערגענומענקייט ביי אלע אנוועזנדע.



## 'די היסטאריע פון די הייליג קלויז נאכן ערשטן קריג'



עס האט זיך ארויסגעשטעלט, די סיבה פארוואס די קלויז איז יא געבליבן שטיין, טראצדעם וואס רוב בתי מדרשים זענען גענוצליך חרוב געווארן, איז צוליב וואס דער רוסישער מיליטער האט זיך צו דעם שטח צוגעכאפט, זייענדיג גאר א גרויסער פלאץ, און האבן דאס גענוצט בשעת'ן צווייטן קריג צו בויען מיליטערישע טרעקלעך און אנדערע גרויסע מאשינען, וואס צוליב דעם איז דאס טאקע פארבליבן ממש ווי מען האט דאס פארלאזט ביים אנטלויפן. מיט די זעלבע רויטן פארב וואס מען האט געלייגט ביים בויען דאס בית מדרש און מיט די זעלבע פענסטער, אזוי אז דאס אויסזען פון קלויז האט זיך כמעט נעשט געענדערט. אין יאר תשמ"ח לפ"ק, ביים באזוך פון די רבי דער עקבי אבירים זצוק"ל, האט די רבי פרובירט איינצובעטן ביי די מיליטערישע אינסטאנצן אז זיי זאלן געבן רשות כאטש א בליק צו טוען אויף די פלאץ פון אינעווייניג, זיין בקשה איז אבער געפאלן אויף טויבע אויערן ווי דער שטייגער ביי די קאמוניסטן, און זיי האבן מיט גרויס חוצפה פארשיקט דעם רבי'ן פון דארט, און מען האט דעמאלס נישט זוכה געווען צו זען דעם היכל הבית המדרש.



# 'די שפאנענדע געשיכטע פון דעם ציון הקדוש פון דער הייליגער רוזשינ'ער ביים קריג'

דאס פלאץ וואו דער הייליגער רוזשינ'ער זצ"ל ליגט באערדיגט, האט אונטער זיך א מקובל'דיגע מעשה. אמאל איז דער רבי געגאנגען שפאצירן אונטערן קלויז אינאיינעם מיט די גבאים. פלוצלונג האבן הינט אונגעהויבן צו בילן מיט הויכע קולות. האט דער רבי געזאגט פאר די גבאים אז דאס פלאץ וואו מיר שטייען, האט א 'רצועה' (א בענדל) וואס ציט זיך פון ארץ ישראל ביז אהער, און איז א הייליג פלאץ. דאן האט מען אנגעצייכנט דאס פלאץ, און נאך דאס הסתלקות פון דער הייליגער רוזשינ'ער האט מען אים דארט באערדיגט.

ביים ביטערן קריג, אינמיטן די גאר הייסע צייטן, האבן זיך צוויי סאדיגור'ער חסידים אריינגעכאפט אין די שטאט אונטערן שלייער פון די נאכט, און מיט זיך מיטגעברענגט 'סעמענט' שטיינער, זיי זענען געגאנגען צום ציון וואו עס ליגן אדמור"י בית רוזשין און סאדיגורא, און דאס גענצליך איבערגעדעקט מיט צעמענט, אזוי אז מען האט נישט געקענט בכלל זען אז דארט געפינט זיך די קברים פון די הייליגע צדיקים. דאס איז געווען דער סוד וויאזוי די קברים האבן וואונדערליך איבערגעלעבט די קריג. ביי די נסיעה איז דער רבי דער עקבי אבירים זצוק"ל צוגעגאנגען צום ציון הק'. אנקומענדיג אהין, האט ארומגענומען די אונוועזנדע א זעלטענע התעוררות וואס מען קען פשוט נישט איבערגעבן, און וואס די אונוועזנדע רעדן נאך מיט נאסטאלגיע ביז'ן היינטיגן טאג.





# די מסע הקודש
# קיין עיר הקודש
# סאדיגורה

## הורכאויס די פארלאפענע
## יארן הורך רבותינו
## הקדושים זי"ע"א

# 'די נסיעה קיין סאדיגורה דורכאויס די יארן'

זינט יאר תשס"א לפ"ק האט דער רבי דער עקבי אבירים זצוק"ל געטוען השתדלות ביי די שטאטישע באאמטע אין סאדיגורא (וואס איז אין די לעצטע צענדליגע יארן אונטער די הערשאפט פון די דערנעבענדיגע 'טשערנאוויץ', און ווערט נישט פארעכנט ווי א שטאט פאר זיך), אז מען זאל קענען אויסלייזן די קלויז פון די הענט פון די רעגירונג. דער דעמאלסדיגער מעיאר פון טשערנאוויץ איז טאקע איינגעגאנגען אז פאר א געוויסער סכום געלט קען דאס אריבערגיין צום רשות פון דעם רבי'ן זצוק"ל. עטליכע יאר שפעטער איז אונטערגעקומען א נייער מעיאר אין טשערנאוויץ - ווארשיינליך נישט קיין שטארקער שונא בצע און נישט קיין גרויסער אוהב ישראל - וועלכע האט זיך פארהוילן פון די ערשטע געלט-אפמאך און פריש געפאדערט צו באצאלן א גרעסערע סכים ווי דער ערשטער מעיאר האט פארלאנגט. בלית ברירה האט מען נאכאמאל איינגעצאלט און דאן האט מען ענדליך באקומען גאנצע בעלות אויף די הייליג קלויז.





# 'די היסטארישע "מסע הקודש" פון הונדערטער חסידי סאדיגורה'

נאכדעם וואס עס איז פולקאם פארענדיגט געווארן דעם מקח מיט דעם מעיאר, און די קלויז איז אריבער פון טמא'נע גוי'אישע הענט צו א הייליגע רשות, איז אפגעהאלטן געווארן א גרויסארטעגן "מסע הקודש" צום יארצייט פון דעם הייליגן סבא קדישא מרוזשין זיע"א ג' חשון. אריבער פינעף הונדערט חסידי סאדיגורה פון אומעטום האבן זיך באטייליגט, אין שפיץ פון כבו"ק מרן אדמו"ר דער רבי, דער עקבי אבירים און אזוי אויך דער רבי זצוק"ל דער 'עטרת ישראל', נאכדעם ווי מען האט זיך משתטח געווען אויף די ציון הק', האט דער רבי זצוק"ל דער עקבי אבירים געפראוועט א מלכות'דיגע יארצייט סעודה אין די קלויז וואס איז נארוואס אפגעקויפט געווארן דורך דעם רבי'ן. אזוי אויך איז עטליכע יאר דערויף אין יאר תשס"ו, פארגעקומען א היסטארישע שבת אין די שטאט סאדיגורא מיטן רבי'ן דער עקבי אבירים זצוק"ל, וואס דערגאנצער שבת איז געפראוועט געווארן אין די קלויז, אבער איז נאך געווען שטארק נאכגעלאזט. אבער אויף צו פראווען אין אזא הייליגן מקום האט מען פארקוקט אויף די אלע גשמיות' דיגע חלקים. עס איז געווען בלויז רוחניות.

## דער וואונטש פון דעם רבי'ן דער עקבי אבירים זצוק"ל;

## "צו זען די קלויז מיט איר פולן פראכט"

נאך יענעם שב"ק האט דער רבי זצוק"ל שטארק געבעטן און אויפגעפאדערט אז מען זאל זיך ביי דעם נישט אפשטעלן, נאר גיין ווייטער מחיל אל חיל און איבערבויען די קלויז עס זאל צוריקבאקומען איר אמת'ע פראכט, כליל בהדרה. ווי אויך זאל מען בויען אן אהל העכער דעם הייליגן ציון. דאן האט זיך דער רבי דער עטרת ישראל זיע"א ארייגעווארפן מיטן כח און מיטן גאנצן ברען צו ערפילן דעם הייליגן וואונטש פון זייער פאטער דער רבי, און אנגעהויבן מיט דעם מאסיוון אונטערנעמונג איבערצובויען די קלויז אויף א פראכטפולן פארנעם, ווי עס פאסט זיך פאר "מלכות בית סאדיגורה".

## 'שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה'

דער רבי דער עקבי אבירים זצוק"ל האט שוין ליידער נישט דערלעבט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי זיין וואונטש ווערט גענצליך אויסגעפירט. אבער אין יאר תשע"ז לפ"ק איז עס ב"ה פולקאם פארענדיגט געווארן די ארבעט איבערצובויען די הייליגער קלויז, וועלכע האט צוריקבאקומען דעם אלטן חן און פראכט, ווען די שטאט סאדיגורא האט געווידבלט און געשפרודלט מיט טויזענטער חסיד'ישע אידן וואס האבן דארט מיטגעהאלטן לעכטיגע שבתים און ימים טובים.

**חשון ה'תשע"ז;**



## "די היסטארישע חנוכת הבית פון די קלויז"

לכבוד דעם באניייאונג פון די קלויז, איז אונטערגענומען געווארן א היסטארישע נסיעה צום יארצייט פון דעם הייליגן רוזשינ'ער זצ"ל, ג' חשון, וואו א געשאצטע אכט הונדערט אידן האבן זיך ארויסגעלאזט אינאיינעם מיט כבו"ק מרן אדמו"ר בעל עטרת ישראל זצוק"ל קיין אוקריינע, וואו מען האט אפגעהאלטן א גראנדיעזן חנוכת הבית אויף די קלויז, און געפראוועט גאר א געהויבענעם שבת קודש אין דעם רוזשינ'ער'ס הויף אין סאדיגורה.

דאס האט זיך אנגעהויבן מיט א נסיעה אויף מקומות הקדושים אין אוקריינע, אין אניפאלי, וואו עס ליגט דער ראש השלשלת בית רוזשין, הרה"ק דער רבי ר' בער דער מגיד פון מעזריטש זצ"ל, ווי אויך אין מעזיבוזש, שפיטיווקא, פולנאה אין נאך. דאנערשטאג לך לך תשע"ז לפ"ק איז פארגעקומען די היסטארישע 'חניכת הבית' אין די קלויז, אינאיינעם מיט א יארצייט סעודה פון מרן הסב"ק הרה"ק מרוזשין זצ"ל. ווי אויך גאר היסטארישע "הכנסת ספר תורה", וואו מען האט צוריקגעברענגט איינס פון די ספרי תורה וואס הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל דער פעטער פון דעם רבי'ן דער כנסת מרדכי זצוק"ל האט געראטעוועט פון דעם קלויז ביי אנטלויפן ביים ערשטן קריג. (ווי פריער דערמאנט) דער גאנצער שבת קודש איז מלכות'דיג געפראוועט געווארן אין די קלויז, ווען פאר די אויגן שטעלט מען זיך פאר ווי אזוי עס האט אויסגעזען ווען די שטאט איז נאך געווען אין איר פולן פראכט. דער גאנצער געשיכטע ווערט אריינגעדריקט דורך כלל ישראל בכלל ,אין פארשטייט זיך דורך חסידי סאדיגורא בפרט, מיט גאלד'ענע אותיות, אין דעם היסטאריע פון מלכות בית סאדיגורא.

## 'דאס מלכות'דיגע סאדיגורה'

דער פראכטיגער סאדיגור'ער קלויז האט זיך געפינען עטוואס אפגערוקט פון שטעטל, אויף דער צווייטער זייט פון שאסיי, וואס פירט פון סאדיגורא קיין נאוואסעליץ אין בעסאראבין. שוין פון גאנץ ווייט האט מען געקענט באמערקן די דאזיגע פראכטיגע געבייגע, וואס האט זיך ארויסגעטיילט פון דער גאנצער סביבה מיט דעם ריזיגן פארנעם. געבויט איז געווען דער קלויז אין גאטישן סטייל, מיט רויטע ציגל, זייער הויך אין ברייט, פוןביידע ווינקלען פון דער געביידע פון פארענט זענען געשטאנען צווי הויכע טורעמס מיט שיינע פיל פארביגע פענסטערלעך און קונסטפולע באפיצונגן. ברייט פארמאנע טרעפ האבן געפירט אין קלויז אריין און אינגאנצן איז דער בנין געווען ארומגערינגלט מיט שטאלענע שטאכעטן. דער דאזיגער "קלויז" איז אזוי ארום געווען איינער פון די פראכטיגסטע בנינים אין גאליציע, און פון אויסלאנד זענען ארכיטעקטן און קינסטלער ספעציעל געקומען באקוקן דעם דאזיגן הערליכן בנין.

אינערווייניג איז דער קלויז געווען פיל מיט פענסטער. דאס רחבות, די געררומקייט איז געווען אונגעהויער. דריי טויזענט מענטשן האבן זיך דארט געקענט פארלירן ווי א קליין הייפעל. און עס האט ארויסגערופן די גרעסטע התפעלות ביי אלע פאכלייט דער פאקט, וואס אין קלויז האט זיך נישט געפונען קיין איין זויל, וואס זאל אונטער האלטן דעם דאך. די ווענט זענען געווען רייך באפוצט מיט האליץ -שניצעריין מיט בראנזענע און גיפסענע באפיצונגען און די קונסטפולע



רבי ישראל אבא בן אשר אפטער

מאלערייען האבן פשוט דאס אויג פארנומען. רייך איז אויך געווען דער קלויז מיט פיל ענגלייכטער פון גאלד און פון זילבער. פונקט אין דערמיטן פון קלויז איז געהנגען פארדעקט מיט א טיך א וואונדערפולער בראנזענער ענגלייכטער, וואס האט געהאט אן אונגעהויערן ווערט. דער דאזיגער ענגלייכטער איז נאר באנוצט געווארן אין א יום טוב אדער ווען עס איז געווען א שמחה אין הויף. בכלל האט דער קלויז געגלאנצט פון ציכטיגקייט און אלץ ארום האט געשפיגעלט. אפילו די טישן און בענק זענען געווען פון די טייערסטן מאכאן -האלץ און מען האט זיך אין זיי געקענט שפיגלן.



שמשים האבן אכטונג געגעבן, אז דער קלויז זאל נישט באשמוצט ווערן. דער עולם האט זיך באצויגן צו דער קלויז מיט גרויס כבוד און עס האט געהאט די קדושת בית הכנסת. אפילו טרינקען תיקון האט מען זיך נישט ערלויבט אין קלויז נאר אין פאליש. אין א ווינקל פון קלויז אויף דרום מעריב, האט זיך געפונען דאס חדר מיחוד, דעם רבי'נס שטיבל, - ווי שוין פריער דערמאנט - אין דעם דאזיגן חדר האט געדאווענט דער רבי, ווי דער שטייגער אין רוזשין סאדיגורה, וואס דאס גייט נאך אן עד היום הזה, אז די רבי דאווענט אין א 'חדר מיחוד', אין אזוי אויך ביי מרן הוד כבו"ק אדמו"ר עט"ר שליט"א. די ווענט פון דעם חדר מיחוד זענען געווען באדעקט מיט ריין גאלדענע טרעפן, וואס האבן פארבלענדעט מיט זייער קונסטפולער אויספיהרונג. פון דעם הערליך געשניצטן באלקאן האט אראפגעהאנגען א קריסטאלענער ענגלייכטער. מען קען באשרייבן נאר ווענגן די אויסזעהן פון דעם חדר מיחוד אליין אפאר הונדערט ביכער, ע"כ ווערלן מיר דא מסיום זיין, אין גיין ווייטער.



## 'מלך ישראל'

אין ספר שיח יצחק (הוסיאטין) אויף ג' חשון ווערט געברענגט דארט: "די הנהגה ביים היילינן רוזשינער זיידן איז געווען מיט גרויס פראכט און גינוני מלכות, ווי עס פאסט זיך פאר א קעניג. דער אפטער רב האט אויף אים געזאגט "מלך ישראל". און מען קען זאגן אויף אים, אז ער האט געהאט א ניצוץ פונעם מלך משיח".

קובץ ישראל אשר בך אתפאר

# 'דער אלטער רבי איז נסתלק געווארן, מ'זעצט דעם הייליגער 'אור ישראל' על כס אבותיו'

נאך די הסתלקות פון דעם אלטן רבי'ן, האבן די ראשי החסידות אויפגענומען דער צווייטער זון הרה"ק ר' ישראל, וועלכע איז דאן אלט געווען איין -אין-דרייסיג יאר, ער האט געהייסן ישראל שוין נאכן הייליגן זיידן, דער רוזינער, און דער עלטערע זוהן רבי יצחק האט זיך דאן באזעצט אין באיאן, וואו ער האט געגרינדערט זיין אייגענעם חצר, און באקאנט געווארן אלס הרה"ק 'בעל פחד יצחק', זיע"א.

## 'יחוס עצמו'

דער הייליגער אור ישראל זצ"ל שמועסנדיג אמאל וועגן יחוס, האט ער זיך אנגערופן: וואס איז דאס גרויסקייט פון דעם מענטש אויב יענער בעל מעלות איז זיין קרוב, ווען ער אליין איז א גארנישט, אויך איך בין א מיחוס פונדעסטוועגן איז דער עיקר יחוס עצמו. פארשטיין קען מען עס דורך א משל: א קעניג האט זיך געלאזט אויסבויען א הערליכע שיינע פאלאץ, ווען דער פאלאץ איז שוין געווען פארטיג האט דער קעניג באשטימט די פיר גרעסטע קונסט מאלער, אז זיי זאלן אים אויסמאלן דעם אויפנאס זאל, יעדער איינער האט באקומען איין וואנט, אויף וועלכער ער דארף אויסמאלן די שענסטע ציורים. דריי פערטער קינסטלער איז אבער געווען א פוילער, האט ער זיך נישט געאיילט מיט דער ארבייט, אזוי זענען אדורכגעגאנגען וואכן און חדשים, און אז ער האט זיך שוין געוואלט נעמען צו דער ארבייט, איז שוין נישט געווען קיין צייט עפעס אויפצוטוהן.

באקוקענדיג אבער די ארבייט פון די אנדערע קונסטלער האט ער געזעהן אז זיי האבן זיך טאקע באמיהט צו ארבייטן בתכלית השלמות, איז אים נעבעך געווארן זייער ביטער, וואס וועט ער טון ווען דער קעניג וועט קומען און הייסן ווייזן די ארבייט? איז אים איינגעפאלן א געניאלער פלאן: צוערשט האט ער גלאטיג אפגערייניגט און אפגעריבן די וואנט ,נאכדעם האט ער באשמירט די וואנט מיט זייער גלאציגע פארב, וואס האט געהאט אין זיך די אייגנשאפט פון א שפיגל, און ער האט זיך געדאכט, ווי נאר מען וועט אראפנעמען די פארהאנגן פון די וואנט, וועלן זיך די בילדער פון די דריי ווענט אפשפיגלען אויף זיין וואנט. כך הוה, ווען דער קעניג מיט זיינע שרים זענען געקומען באקוקן די ארבייט פון יעדן קינסטלער זענען זיי געווארן זייער אנטציקט פון די ארבייט, אבער ווי איבערראשט זענען זיי געווארן ווען זיי האבן דערזעהן אויף די וואנט פון פערטן קינסטלער אלע דריי בילדער און פאנאראמעס פון די דריי ווענט. זיי האבן אים שטארק געדאנקט און באוואונדערט, און דער קעניג האט אים באשאנקן מיט פיל מתנות. נאך ווען - האט דער הייליגער אור ישראל זצ"ל פארענדיגט - איז מען א מיחוס, ווען מען רייניגט זיך אזוי שטארק, אז עס שפיגלט זיך אפ אין אים דאס גרויסקייט פון זיינע עלטערן.



## 'א פייל מען שיסט דא אין ס'טוט די פעולה גאר ווייט א וועק'

האדמו"ר הרה"ק בעל נועם יוסף מליזענסק זצוק"ל האט אמאל אין א געלעגענהייט נאכגעזאגט פאר תלמידי ישיבתו בשם דער רבי דער הייליגער אור ישראל זצוק"ל, אז ער האט אמאל געזאגט ביי א אלול שמועס: דוד המלך זאגט אין תהלים (קכז) 'כחצים ביד גבור כן בני הנעורים' אז מ'נעמט ארויס א תהלים זעהט מען אז רוב מפרשים זאגן אז דאס גייט ארויף אויף די אינגע יארן - כן בני הנעורים די יוגענט. האט דער רבי געזאגט ווי אזוי ארבעט א חץ א פייל מען שיסט דא אין ס'טוט די פעולה גאר ווייט א וועק, ס'קען אפילו זיין אז פון דארט ווי ער שיסט קען ער אפילו נישט זעהן ווי עס צילט - ער קען נישט זעהן וואס דער קליינער פייל זיינער האט אנגעמאכט. האט דער רבי אויסגעפירט: די זעלבע איז תורה, ותפילה, מען מיינט אז ווייל מען זעהט גארנישט יעצט, ממילא טוט עס גאר בכלל נישט אויף, אבער אין אמת'ן טוט עס אויף א גיוואלד. די טוסט די פעולה דא, אין עס געשעהט דארט. פאר די קומענדיגע צוואנציג יאר האט הרה"ק בעל 'אור ישראל' זצוק"ל געפירט דאס חסידות אין שטאט סאדיגורא. און אום י"ג תשרי תרס"ז איז דער רבי ל"ע נסתלק געווארן אין יונגן עלטער פון פיר-און-פופציג יאר. די סאדיגור'ער חסידים זענען געווען שרעקליך דערשלאגן פון די פריצייטיגע פטירה, און זיין פטירה האט שטארק אפעקטירט דעם הייליגן הויף.

## 'דער קדושת אהרן נעמט איבער, און איז ל"ע נסתלק געווארן אין א יונגן עלטער'


ספר
קדושת אהרן
על התורה
ווארשא
Сеферъ КЕДУШАТЪ АГАРОНЪ
ВАРШАВА, 1913 г.

דער הייליגער אור ישראל'ס זון האט איבער גענומען, און געקרוינט געווארן מיטן כתר המנהיגות אלס רבי לבית סאדיגורא. הרה"ק ר' אהרן - בעל קדושת אהרן זצוק"ל, איז געווארן ממלא מקום, דער נייער רבי דער קדושת אהרן, איז געווען דאן דרייסיג יאר, און טראצט זיין יונגע עלטער האבן די חסידים זייער הנאה געהאט, און מען איז ווייטער געהעריג געקומען צו פארן, די זעלבע און נאך אפילו מער ווי ביים טאטן. אין דער קדושת אהרן האט שיין אויפגעבויט דעם הויף, און צוריקגעברענגט איר גלאנץ, ווי עס זעהט אויס איז אבער פאר די סאדיגור'ער חסידים נישט באשערט געווען קיין מנוחה, ווייל קום זעקס יאר פון זיין טאט'נס הסתלקות, און אום י"ט תשרי תרע"ג, אינמיטן יום טוב סוכות, אושפיזא



פון אהרן כהנא קדישא, איז דער הייליגער קדושת אהרן נסתלק געווארן. דער דאזיגער קלאפ האט שוין אויסגעזען ממש ווי דער טויט-קלאפ פאר דאס סאדיגור'ער חסידות.

כבו"ק דער רבי שליט"א האט איינמאל סיכות ביים יארצייט טיש ארום גערעדט וועגן דעם זיידן דער קדושת אהרן זיע"א, האט כבו"ק דער רבי שליט"א געזאגט: ...אהרן אויב שלום ורודף שלום, אויב את הבריאת ומקרבה לתורה, ווי דער זיידע דער אלטער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורה האט געזאגט הלוויי וועט די וועלט זוכה זיין אז דער אייניקל דער קדושת אהרן זאל דערלעבן משיח'ן. זעהט מען פון דעם רבי'נס ווערטער די חשובות וואס דער קדושת אהרן האט געהאט ביים זיידן דער אלט'ן רבי'ן .נאך אין צייטן פון דעם הייליגן רוזשינער האבן זיך אנגעהויבן עפענען רוזשין-סאדיגור'ער שטיבלעך אין אלע שטעט און שטעטלעך וואו עס האבן געוואוינט





די חסידים פון סאדיגורא. דאס האט זיך פיל מער פארברייטערט אונטער די הנהגה פון זיין זון, דער אלטער רבי. אבער מיט די פריצייטיגע פטירה פון עטליכע רביים לבית סאדיגורא האט זיך דאס שטארק אנגעזען אין די שטיבלעך, און אויך אינעם הויף. מען האט זייער געהאפט אז דער נייער רבי וועט מחזיק זיין די חסידים, און ארייגבלאזן אין זיי א פרישער טל של תחיה. אבער דא, מיטן פארלאסט פון צוויי רבי'ס אין אזא קורצע תקופה, אין אזא יונגן עלטער, האט עס נאכמער צעקלאפט די חסידים. ווי געשריבן פריער, אז ביים רוזינער איז אלעס צוגעגאנגען מיט עבודת השמחה אין פארשטיין די טעמי המצוות ,האט אמאל דער הייליגער רבי דער קדושת אהרן געזאגט אז דערפאר דארף מען האבן א קשר מיט א רבי'ן וואס לעבט מיט אונז בדורנו, און מקבל זיין פון אים תורה און הדרכה, און עס איז נישט גענוג צו לערנען די ספרים פון די צדיקים וואס זענען שוכני עפר?



האט ער ערקלערט, אז פארוואס איז דער ספר הרפואות פון שלמה המלך נגנז געווארן? ווייל היות די טבעיים פון דעם גוף טוישן זיך, וואלט עס מער נישט געארבעט, (אונזער אימיון סיסטעם האט זיך געטוישט). דערפאר האט מען עס געמוזט נגנז זיין. פאר היינט דארף מען האבן רפואות וואס ארבעטן היינט. דאס זעלבע איז עבודת השם. דער מצב אין די וועלט טוישט זיך אויך, יעדער דור איז אנדערש, און יעדער דור האט זיך זיינע נסיונות, און דערפאר דארף יעדער דור האבן זיין צוגאנג. דער שטן לערענט זיך כסדר נייע תחבולות. איז געקומען דער הייליגער בעל שם הק' ותלמידיו אחריו, און האבן אונז אויסגעלערענט וויאזוי זיך צו שטארקן איבער אים. אבער זינט דאן האט זיך שוין האט דער בעל דבר אויסגעלערענט נייע זאכן, פארן היינטיגן דור.

אוודאי זענען די ספרים הק' פיל מיט הדרכה און יראת שמים און חסידות, - ווי מיר ווייסן - אבער נישט אלעמאל רעדט עס פאר יעצט, ווייל היות די צדיקים האבן געלעבט אין אן אנדערן דור, און זייערע דברי תורה זענען געזאגט געווארן פאר זייער דור, דערפאר דארף מען האבן א רבי, וואס אויסער דער ענין פון התקשרות מיט א רבי'ן, וואס פארמאגט פול העכערע ענינים, ווי באקאנט בתורת החסידות, האט עס אבער אויך א פשוט'ער כוונה, וואס איז דירעקט וויכטיג אין היינטיגן דור. א מדריך וואס זאל לערנען וויאזוי זיך מתגבר צו זיין אויף די נייע נסיונות. (כך שמעתי מאחד מחסידי בית רוזין - בשם הקדושת אהרן - ולא ראיתו).





# דער 'פחד יצחק' איז מכתיר די רבי דער 'כנסת מרדכי' על כס אבותיו'

היות דער הייליגער קדושת אהרן איז נאך געווען יונג, ווען ער איז נסתלק געווארן, קום ביי די זעקס - אין-דרייסיג יאר אלט, און זיין איינציגער זון, הרה"ק רבי מרדכי שולם יוסף זצוק"ל, דער כנסת מרדכי, איז דעמאלס אלט געווען זעכצן יאר, און איז געווען א חתן פאר די חתונה ,איז ער געווארן רבי גלייך נאכן חתונה, ביי זיין חתונה, האט זיין פעטער, הרה"ק בעל פחד יצחק פון באיאן, אים מכתיר געווען אלס ממלא מקום אביו, און אפילו אזוי, וואס ער איז געווען גאר יונג, האט ער געפירט ווייטער די המשכה פון דעם הייליגן שלשלת. עס האט נישט לאנג גענומען צו זען אז אויב איינער האט שרעק געהאט אז די רבי שטייט נאך און אזא יונגן עלטער , וואס וועט זיין, איז נישט נאר די שרעק נישט געווען באגרינדערט, נאר פארקערט גאר. דוקא דער יונגער רבי, פון זעכצן יאר אלט, דוקא ער האט צוריקגעברענגט דעם תקופת הזוהר קיין סאדיגורא. צווישן די חסידים פון דעם נייעם רבי האבן זיך געציילט פיר-אין-דרייסיג אלטע חסידים וועלכע זענען נאך געפארן צום הייליגן רוזינער, וועלכע האט פיל צוגעהאלפן, און געגעבן דעם גאנצן הויף א פארצייטישן חן. אט-אט האט אויסגעזען אז עס קומען צוריק די צייטן פון דעם אלטן רבי, ווען די שטאט האט געווירבלט מיט טויזענטער חסידים און באזיכער, אידן ווי להבדל גויים צוגלייך. בפרט אז גלייך איז ארויס דער נאמען פון דעם נייעם רבי'ן אלס גאון נפלא, און נועם בחסד עליון ,טראץ זיין יונגן עלטער .עס איז וויכטיג ארויסצוברענגען, אז ווען מען קוקט אריין אין זיינע דברי תורה, וועלכע ער האט געשריבן בכתב ידו, נאך אין יענע יארן, ביי די זעכצן יאר ,אדער וואס ער האט זיך געשריבן מיט גדולי דורו, קען מען ארויסגיין פון התפעלות פון זיינע אויסטערלישע ידיעות בכל מכמני התורה, בנגלה ובנסתר, און נאך פיל מער פון זיינע מורא'דיגע מדריגות בעייני קדושה. סאדיגור'ער חסידים האבן ארויסגעקוקט אויף א נייע תקופה בתולדות החסידות.



# 'דער ערשטער וועלט-קריג ברעכט אויס, מען אנטלויפט פון שטאט סאדיגורה קיין וויען'

איז אבער ווידער באשערט געווען א שווערע תקופה פאר דעם 'היסטארישן הויף', וועלכע האט איר געמאכט כמעט ווי אראפגעווישט פון מאפע. געווען איז דאס די אויסברוך פון די ערשטע וועלט-מלחמה. סאדיגורא איז געווען אינעם צענטער פון די שלאכטן, און די שטאט איז כסדר באמבאדירט גיווארן. עס איז געווען א שרעקליכע סכנה פאר די גאנצע משפחת המלוכה. דעמאלס זענען אלע רביים לבית רוזין אלנטלאפן ממקומות מושבותיהם, און האבן געפליכטעט קיין וויען, וועלכע איז געווען ווייט פון דעם פראנט. דארט אינעם עיר הבירה האט יעדער צ דיק פאר זיך אויפגעשטעלט אן אייגענעם בית המדרש, פון וואו ער האט אנגעפירט מיט זיין עבודת הקודש. דארט האט זיך אויך ארויסגעשטעלט גאר שטארק די פעולות פון דער צדיק, דער כנסת מרדכי, וואס ער האט אלס געטון בעבודת הציבור און עסקנות למען הכלל, ווען דער רבי האט זיך אריינגעווארפן אין די ארבעט צו העלפן די צענדליגער טויזענטער פליטים וועלכע זענען פארוואגלט געווארן אהין.

# 'דער יונגער רבי ברענגט צוריק דער רוזינער גלאנץ'

דעמאלס, און נאך פיל מער ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, האט אנגעהויבן ריכטיג אויפצושיינען דעם שטערן פון דעם יונגען סאדיגור'ער רבי. מיטן סוף פון די מלחמה איז קלאר געווארן אז קיין סאדיגורא איז נישט שייך צוריק צו גיין. דער הייליגער קלויז איז געווארן געשעדיגט און חרוב, און דאס גאנצע ישוב איז צעפאלן, נאך וואס רוב אידישע איינוואוינער האבן געמאכט פליטה און האבן זיך נישט צוריקגעקערט אהין, אזוי אז דער כנסת מרדכי איז שוין געבליבן אין וויען.

דער כנסת מרדכי, אויסער זיין גרויסן יחוס, און אויסער זיין קדושה, גדלות בתורה און געוואלדיגע כשרונות ווי שוין דערמאנט, איז ער געווען א מענטש פול מיט ענערגיע, וועלכער האט גענומען דעם שווערן מצב אין וועלכן כלל ישראל האט זיך געפינען נאך דעם קריג אויף זיינע פלייצעס, און זיך אריינגעווארפן אין דעם עבודת הכלל, נישט רוענדיג טאג אדער נאכט. און צו דעם האט ער פארמאגט א געוואלדיגן ענווה און נשיאת חן.



# 'די ערשטע כנסי' הגדולה, מ'נעמט אויף דער יונגן רבי פאר נשיא'

רבינו ישראל אשר בן אברהאם

דער רבי האט אנגעהויבן מיט געוואלדיגע פעולות לשקם ההריסות, און זיין גרויסער נאמען איז ארויס איבער די לענג און די ברייט פון די מדינה. ווען פילע גדולי ישראל האבן זיך צוזאמענגענומען אין ווינן, אין שנת תרפ"ג, ברשם פון די הייליגע צדיקים, דער טשארטקוב'ער רבי, דער גער'ער רבי - בעל אמרי אמת, און דער הייליגער חפץ חיים, זכותם יגן עלינו, צו די ערשטע כנסי' הגדולה, און טראצט זיין יונגן עלטער האבן די גרויסע צדיקים איינגעזען אין אים דער ריכטיגער מענטש צו זיין א טייל פון די וועד הפועל העולמי פון אגודת ישראל, און אים אריינגענומען אלס חבר מועצת גדולי התורה, ווערנדיג דער יונגסטער חבר. אזוי אויך האבן זיי אים געשטעלט אלס נשיא פון דעם 'מפעל קרן התורה'.





אין יענע תקופה נאך די מלחמה, זענען אידישע קהילות געווען צעקלאפט און צעשאסן פון די לאנגע מלחמה, און רוב מוסדות התורה אין אייראפע און אין ארץ ישראל, בפרט די ישיבות, האבן זיך געהאט פארמאכט. די צדיקים האבן דעמאלס איינגעזען פאר וויכטיגט צו גרינדן אזא מפעל, וועלכע זאל שטיצן די ביסל ישיבות וואס זענען נאך געבליבן, און אויפשטעלן נייע, אז דער יונגער דור זאל חלילה נישט פארפאלן ווערן צו די נייע ווינטן, וועלכע האבן דאן אנגעהויבן בלאזן איבער די חרד'ישע וועלט, און געדראעט איר איינצושלינגען. און אט די גדולים האבן איינגעזען אין דעם יונגן רבי'ן, פון גאנצע זעקס-און-צוואנציג יאר אלט, אלס דער ריכטיגער פערזאן צו שטיין בראש פון דעם נייעם פראיעקט, פריש אויפצובויען דעם עולם התורה. עס איז געווען רבנים עלטער פון רבי'ן, אבער זיינע געוואלדיגע 'גרויסע' מעלות האבן אוועק געשטיפט זיין 'יונגן' עלטער. עס וועט איגאנצן נישט מעגליך זיין צו שילדערן דא אפילו נאר א קליין טייל פון זיינע פעולות אין יענע יארן, ווייל טראץ וואס רוב פון די דאקומענטן פון יענע תקופה זענען ליידער פארלוירן געגאנגען אין דעם גרויסן חורבן אייראפע ביים צווייטן וועלט-מלחמה, פארט אבער איז נאך געבליבן גענוג אין נאך פאר א פאר גאנצע בוכער איבער זיינע ברייט - פארצווייגטע פעולות למען הכלל והפרט.

דער רבי האט דעמאלס אנגעהויבן ארומפארן איבער אייראפע, סיי אויפצושטעלן ישיבות, און סיי צו שאפן געלט זיי אויסצוהאלטן. מיט זיינע ענערגישע כוחות האט ער קיינמאל נישט געררוט. וואו אימער ער איז אנגעקומען האט ער אויפגעעפנט זיין פה מפיק מרגליות, און געגאסן טללי תחי' אויף די קעפ פון די צעבראכענע נפשות, וועלכע האבן אויפגעלעבט מיט א פרושן חיות. די דאזיגע נסיונות האבן, נישט בלויז אים באקאנט געמאכט און באליבט ביי די סאדיגור'ער חסידים, נאר אפילו פילע פרעמדע מענטשן, וועלכע האבן קיינמאל מיט בית רוזין נישט געהאט קיין שייכות, זענען יעצט געווארן זיינע הייסע חסידים. עס האט נישט גענומען לאנג ביז דער כנסת מרדכי האט צוריקגעברענגט דעם פארצייטישן גלאנץ צום סאדיגור'ער הויף, אפילו טראץ זיין יונגן עלטער, וועלכע האט יעצט פארמאגט הונדערטער שטיבלעך איבער די לענג און די ברייט פון גאליציע, אוקריינע און בעסעראביע, מיט טויזענטער פייער'דיגע חסידים.



## 'דער רבי הייבט אן עפענען אייגענע ישיבות'

אינעם שטאט פשעמישל האט זיך געמאכט א באזונדער-גרויסער קיבוץ פון סאדיגור'ער חסידים, און אין יאר תרפ"ו האט דער רבי אויסגעקליבן דעם שטאט צו גרינדן דארט זיין אייגענער ישיבה, 'ישיבת משיבת נפש' (א רמז אויף דעם רבי'נס נאמען), אין וועלכע עס האבן געלערנט פילע גרויסע לומדים, אין גוטע קעפ. אויסער זיין אייגענעם ישיבה, האט דער רבי, דורך דעם קרן התורה, געגרינדערט נאך פילע מוסדות און ישיבות איבער אייראפע. אין פוילן-גאליציע, אין ליטע, אין דייטשלאנד, און אפילו אין פראנקרייך איז די קרן התורה געווען טעטיג. דער רבי איז געווען גאר אינסטרומענטאל אין אויפשטעלן די וועלט-בארימטע 'ישיבת חכמי לובלין', דורכן ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה, הגה"ק רבי מאיר שפירא זצ"ל, מיט ראט און



טאט, און מיט ריזיגע סכומים געלט. אדאנק דעם האט דער רבי טאקע זוכה געווען אז פילע פון זיינע תלמידים האבן זיך געציילט צווישן די גליקליכע זוכים צו ווערן לו מדים אין ישיבת חכמי לובלין. פון זיין וואוינארט אין ווין איז דער רבי ארומגעפארן איבער גאנץ אייראפע מחזק צו זיין כלל ישראל, אבער זיינע חסידים זענען נישט געווען אזוי צופרידן. זיי האבן געבענקט נאך די צייטן ווען מען האט געקענט קומען פארן צום הייליגן הויף אויף די ימים טובים, ווען טויזנטער חסידים האבן זיך דארט מתחמם געווען לאורם פון די צדיקים. אין וויען איז אבער נישט שייך געווען דאס צו טון, און פון פארשידענע שטעט און שטעטלאך האבן די חסידים געבעטן דעם רבי'ן קובע צו זיין משכן כבודו ביי זיי.

## 'דער רבי באזעצט זיך אין פשעמישל'

אין שנת תרצ"ד האבן די הפצרות פון די חסידים גובר געווען, און דער רבי האט זיך אריבערגעצויגן פון וויען און קובע געווען משכן כבודו אין פשעמישל, וואו עס האבן געוואוינט א ריזיגער צובור פון זיינע חסידים. אט דער שטאט האט זוכה געווען צו זיין דער נייער אכסני' של תורה פון דעם סאדיגור'ער הויף. עס האט טאקע נישט גענומען צו לאנג ביז מען האט זיך דערמאנט פון די אלטע גוטע צייטן אין סאדיגורא, ווען אויף ימים טובים האבן אנגעהויבן נאכאמאל צו קומען צום רבי'נס הויף פילע טויזנטער חסידים ואנשי מעשה, אז מען האט געדארפטווארטן גאנצערטע טעג צו קענען אריינגיין צום רבי'ן מיט א קוויטל.



# 'דעם רבי'נס באזוך אין ארץ ישראל'

במשך די יארן האט די רבי עטליכע מאל באזוכט אין ארץ ישראל, וואו ער איז געפארן מחזק זיין די ארטיגע אידן בכלל, און זיינע חסידים בפרט. אזוי איז אויסגעקומען פארן רבי'ן צו זיין אין ארץ ישראל אום שנת תרצ"ט. מיט א קורצע צייט פריער, אין תרצ"ז, איז זיין קרוב, הרה"ק ר' ישראל מהוסיאטין זצוק"ל, ארויפגעקומען פון וויען, (וואו ער איז אנטלאפן נאךביים ערשטן קריג, צוזאמען מיט די אנדערע צדיקים לבית רוזשין) קיין ארץ ישראל, נאך וואס די אנטיסעמיטיזם דארט איז געווארן אומדערטרעגליך. יעצט ווען דער כנסת מרדכי האט דארט באזוכט, מיטן חשבון צוריק אהיימצופארן, האט דער צדיק וקדוש דאס נישט געוואלט צולאזן.



הרה"ק מ'הוסיאטין איז געווען נערץ ונקדש ביי אלע צדיקי דורו בכלל און ביי די צדיקים לבית רוזין בפרט. עס איז גאר שטארק באקאנט זיין באזוך ביים ציון פונעם אור החיים הק', אינאיינעם מיט הרה"ק ר' שלמה'קע זוועהיל'ער, נאך וואס זיי האבן געזאגט אפענע דיבורים, "אז דער רשע וועט נישט אנקומען קיין ארץ ישראל". אט דער צדיק וקדוש, האט מיט זיינע הייליגע אויגן פארגעזען וואס גייט אט-אט פאסירן אין גאליציע, כאטש וואס דעמאלס האט נאך אויסגעקוקט רואיג. ער האט זייער געזארקט פאר זיין קרוב - דער כנסת מרדכי, און ער האט אים באפוילן ער זאל נישט אהיימפארן, נאר אנשטאט זאל ער שוין אריבערברענגען זיין פאמיליע קיין ארץ ישראל און זיך דארט באזעצן.

אזוי ארום איז דער רבי, מיט בנו יקירו בעל עקבי אבירים, געראטעוועט געווארן, ווען די פאמיליע איז ארויסגעפארן פונעם ארץ הדמים מיטן לעצטן שיף וואס האט פארלאזט דעם פארט איידערן אויסברוך פון דעם צווייטן וועלט-מלחמה. פאר די קומענדיגער זעקס יאר האט דער רבי צוגעזען מיט אנגסט ווי דאס כלל ישראל ווערט פארניכטעט דורך די דייטשע רשעים ימ"ש, און דארונטער זיינע טויזענטער חסידים. דער רבי - צוזאמען מיט פילע אנדערע צדיקים- האט געטון פילע פעולות צו ראטעווען אידן, אבער ליידער האט מען קיין סאך נישט געקענט אויפטון, און רוב מנין ורוב בנין פון סאדיגור'ער חסידים זענען ליידער ארויף אין פלאמען.

# 'דער רבי הייבט אן ארויס העלפן מלחמה-איבערלעבער'



אין די יארן נאכן קריג, ווען אנדערע צדיקים האבן זיך אנגעהויבן פון פריש אויפצובויען און אויפשטעלן מטסדות, האט זיך דער רבי אריינגעווארפן אין פעולות צו העלפן די מלחמה-איבערלעבער, וועלכע זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל קוים מיט לעבעדיג פון די פלאמען ארויס. דער רבי האט זיך אזויפיל אפגעגעבן מיט אנדערע, ער האט זיך צוריסן פאר א צווייטן, אזוי ווייט, אז ער האט פארגעסן פון זיך. די גאנצער צייט האט דער רבי געוואוינט אין א קליינעם, געדינגענע דירה, אזוי אויך איז זיין בית המדרש געווען אין א געדינגענעם ארט, אזוי אז ער האט אפילו נישט אויפגעשטעלט קיין געהעריגן הויף וואו דער חצר זאל זיך קענען צוריק אויפבויען.

## 'דער רבי פארט מיטן מוטער קיין אמעריקע פאר אכט יאר'

אין תשט"ו, איז דער רבי'ס מוטער געווארן נישט געזונט, און ער איז געפארן מיט איר קיין אמעריקע, לדרוש ברופאים. אין יענע יאר האבן געוואוינט דא אין אמעריקע א שטיקל קבוצה פון סאדיגור'ער חסידים, און היות דער רבי האט זיך דא אויפגעהאלטן פאר א ווײלע מיט זיין מוטער, האבן די חסידים אים איינגעלאדנט זיך צו באזעצן אין קראון הייטס, וואו זיי האבן געוואוינט און אויפגעשטעלט א קלויז. פאר די קומענדיגע אכט יאר האט דער רבי געוואוינט און געפירט חצר קדשו דארט אין קראון הייטס. במשך יענע יארן איז אנגעקומען האדמו"ר הרה"ק בעל נועם יוסף מליזענסק זצוק"ל וואוינען קיין וויליאמסבורג, הערענדיג אז די רבי איז און אמעריקע און קראון הייטס האט דער ליזענסק'ע רבי נישט געטראכט צו פיל (דאכט-זיך אפילו אז ער איז נאך דאן געווען אדער א יונג בחור'ל אדער אפילו נאך א קונד) אין איז ארובער געפארן קיין קראון הייטס און אריין בקודש פנימה צום רבי'ן, ערגעעס ווי במשכן שיחה האט דער רבי דער כנסת מרדכי אויסגעטוהן זיין בעקודשע און אים עס א מתנה געגעבן פארן יונגעלע זאגענדיג: 'יוסף מאיר'על איך גלייך דיר זייער'! זינט דאן איז כסדר געגאנגען בריוון אהין און צוריק פון די צוויי גדולי ישראל, די בעקידשע ליגט היינט-צוטאגס באוצרו הטוב פונעם ליזענסק'ער רבי'ן. און אבער אין די תש"כ יארן האבן די חסידים אין ארץ ישראל זייער מפציר געווען ביים רבי'ן צוריקצוקומען, און זיך באזעצן דארט בקביעות. און טאקע בשנת תשכ"ג איז דער רבי צוריק געקומען קיין ארץ ישראל, וואו ער האט שוין פארבליבן





ביז זיין הסתלקות ביום כ"ט ניסן שנת תשל"ט. אין יענע יארן האט דער רבי אנגעהויבן צוריק שטעלן די יסודות פון דעם הייליגן חצר, וועלכע זענען ליידער פאר יארן געבליבן נישט צופיל פון יסודות, ביז ווען זיין אייניקל דער רבי בעל עטרת ישראל, האט - ע"פ בקשתו וציוויו פונעם טאטע'ן הרה"ק בעל עקבי אבירים זצוק"ל - זיך גענומען ווייטער בויען דעם בנין, אין זייט דעמאלס בילט עס הערליכער אין שענער. דער כנסת מרדכי האט אויפגעשטעלט, אויסער זיין הויף אין תל אביב, אויך בתי מדרשים אין בני ברק און אין ירושלים, דער ישיבה אין בני ברק, און אזוי אויך די תלמוד תורה אין ירושלים.



# 'מען איז מכתיר דעם זון כבו"ק מרן בעל עקבי אבירים זיע"א על כס אביתיו הקדושים'



ווי שוין דערמאנט, האט ער געגאסן די יסודות, אבער א גרויסער בנין איז ליידער נישט געווארן אויפגעשטעלט אויף די יסודות. אזוי האט דער רבונו של עולם געפירט. און ביום כ"ט ניסן תשל"ט, נחשכו המאורות און דער כנסת מרדכי האט געענדיגט זיין תפקיד דא אויף דעם וועלט, און ער איז צוריק ארויף אין הימל, למקור מחצבות, זיך צו באהעפטן מיט זיינע גרויסע זיידעס, און וועמענ'ס שטול ער איז געזעצן. דעמאלס איז ארויף על כס ההנהגה זיין זון, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצוק"ל, בעל עקבי אבירים. דער נייער רבי איז געווען חביב ונערץ ביי גדולי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן, סיי צוליב זיין גדלות בתורה און סיי צוליב זיין אויסטערלישע איידלקייט, ענווה

און גאלדענע מידות. נאך בשנת תשל"א איז ער דעווארן איינגעלאדנט דורך אלע צדיקים לבית רוזין, ובראשם זיין גרויסער פאטער, און הרה"ק רבי מרדכי שלמה פון באיאן זצ"ל, וועלכע האבן אים געשיקט א געשריבענעם קאנסוס און אים אויפגענומען אלס ראש ישיבה פון די רוזינער ישיבה אין בני ברק, וועלכע זיין פאטער האט אויפגעשטעלט, אבער האט זיך געווידמעט אין דעם ריכטיגן דמות עילאית איד צו פירן און מדריך זיין די תלמידים.



פונקט ווי זיין פאטער האט דער עקבי אבירים פארמאגט אנגעוואלדיגער ענוות חן, געווען א גאון עולם בנגלה ובנסתר, און געווען א טאטע פאר יעדן חסיד, זיך אוועקגעבנדיג מיט מסירת נפש ממש פאר יעדן איד. עד יום האחרון לא נח ולא שקט, און אין זיינע שוואכסטע זמנים האט ער קיינמאל נישט צוגעמאכט קיין טיר פאר אידן. ווען עס איז געקומען א טובה צו טון א איד איז נישט געווען עפעס וואס זאל אים אפהאלטן. מען וואלט געקענט שרייבן גאנצעטע מאמרים נאר אויף די גדלות פון דעם צדיק אליין, אבער ווי געזאגט, איז פשוט נישט דא דאס מקום אויף דעם. די שארית הפליטה פון די סאדיגור'ער חסידים האבן ארויסגעקוקט בכליון עיניים אויף דעם נייעם רבי'ן, וועלכע האט אוועק געשטעלט די ישיבה ,אז ער זאל דאס זעלבע טון מיטן חצר הקודש, און צוריק אויפבויען דעם סאדיגור'ער הויף. דער רבי האט זיך טאקע גענומען צו די עבודת הקודש, און עס איז אים גוט געגאנגען, אבער נאך א קורצע תקופת הזוהר פון עטליכע יאר, האט דער רבי אנגעהויבן ליידן אויף פארשידענע מיחושים, וועלכע האבן אפגעשוואכט בריות גופו, און זייער פארשווערט די עבודת קשה פון אויפנעמען דעם הויף. מערערע מאל האט דער טאטע דער עקבי אבירים זיך אויסגעדריקט פאר זיינע נאנטע אויף דעם זון, בעל עטרת ישראל: "דער וועט זיין א ריכטיגער ממשיך לבית רוזין", "דער וועט צוריקבויען דעם אלטן הויף".

ווי עס דערציילט איינע פון די מקרבים ביים רבי'ן דער עקבי אבירים זצוק"ל: "עס איז אמאל געקומען צום רבי'ן דער עקבי אבירים א יונגערמאן, וועלכער האט געארבעט אין א חדר, און גענדארפט היטן די קינדער ביי פויזעס אין הויף. האט זיך געמאכט א מעשה אז א קונד איז ארויסגעקראכן ערגעץ, און איז אראפגעפאלן, און ל"ע אומגעקומען. אויף דעם יונגערמאן האט געווארט א שווערער משפט, וואס אויסער די געלט וואס עס האט געקאסט, האט אים געדראעט עטליכע יאר תפיסה, און ער איז געווען זייער פארלוירן. דער רבי האט אים געשיקט צו זיין זון



דעם רבי'ן זצוק"ל, דער עטרת ישראל, וועלכע האט תיקף געזאגט פאר דעם יונגערמאן: "איר זענט דאך א בעל משפחה, איר דארפט ארבעטן מיט ישוב הדעת און ברענגען פרנסה. זארגט אייך גארנישט, עלי ועל צווארי". איך ווייס נישט פונקליך וואס דער רבי זצוק"ל האט דעמאלס געטון, אבער כמנהג אבותיו הקדושים וועלכע האבן אלס כסדר עוסק געווען אין העלפן אידן, האט ער נישט גערוט, און אליין עוסק געווען בפעולות שונות, ביז דער יונגערמאן איז באפרייט געווארן אינגאנצן. דאס איז נאר איין קליינעם מעשה. מען קען אייך דערציילן פיל אזעלכע מעשיות.

דער רבי, דער עקבי אבירים האט זייער וויי-געטון אז דער אלטע קלויז אין שטאט סאדיגורא אין אוקריינע, געפינט זיך אין גוי'אישע הענט. עס איז געווען ניסים אז עס האט איבערגעלעבט די נאציס און דעם סאוויעטן פארבאנד, און נאכדעם אז עס איז געווען א מעגליכקייט עס צוריקצוקויפן און צוריקשטעלן צו איר אמאליגן גלאנץ, דער מקום שהתפללו בו אבותי, איז דעם רבי'ן געגאנגען אין לעבן דאס דאס אויסצופירן. עד כדי כך האט ער דאס געוואלט, אז ער האט אליין אנגעהויבן מיט פעולות דאס אויסצופירן. אבער ווי געזאגט, איז דער עקבי אבירים ליידער געווארן זייער אפגעשוואכט, און ווי נאר דער רבי - די עטרת ישראל - איז אריינגעקומען, האט דער טאטע אים געבעטן אז ער זאל עס אויספירן, זאגענדיג אז די האסט גוטע קשרים, וכו'. אין ער איז געגאנגען שאפן ריזיגע געלטער, און זיכער געמאכט צוריקצושטעלן דעם קלויז, ממש ווי עס איז געווען אמאל בעטענדיג זיין זון זאל אים ארויסהעלפן. אין זיי האבן ביידע מצליח געווען, אין מען האט עס אפגעקויפט...

כהיום איז דאס מקום געווארן א תל תלפיות פאר די גאנצע געגנט, אין פילע אידן פארן אהין, רוב טעג איז דא דארט מנין דריי מאל א טאג, עס פונקציאנירט דארט א הכנסת אורחים אגאנץ יאר, מען געבט אידן צו עסן און טרינקען, און אפילו שלאפן קען מען דארט אויך. ווען דער רבי דער עקבי אבירים האט איינגעזען אז תל אביב איז נישט דאס ריכטיגע מקום פאר א חסיד'ישן הויף און מען האט באשלאסן זיך אריבערצוציען קיין בני ברק, האט מען אנגעהויבן בויען די נייע שול כליל בהדרו.







# 'מען איז מכתיר דעם זון כבו"ק מרן בעל עטרת ישראל זיע"א על כס אביתיו הקדושים'

ביום י"ט טבת תשע"ג, נחשכו המאורות און דער עקבי אבירים האט געענדיגט זיין תפקיד דא אויף דעם וועלט ,און ער איז צוריק ארויף אין הימל, למקור מחצבות, זיך צו באהעפטן מיט זיינע גרויסע זיידעס, און וועמענ'ס שטול ער איז געזעצן. דעמאלס איז ארויף על כס ההנהגה זיין זון, הרה"ק רבי ישראל משה זצוק"ל, בעל עטרת ישראל. געווען איז ער פארדעם רב אין קהילתינו הק' אין לאנדאן, דער רבי דער עקבי אבירים איז נפטר געווארן נאכן ליידן פאר יארן פון פארקינסאנס ל"ע. זיין בן יחיד דער געלונגענער רב פון לאנדאן, רבינו ישראל משה, האט איבערגענומען די לייצעס. ער האט איינגענומען זיין עולם גאר שנעל, זייענדיג באמת א געשמאקע און געלונגענע מענטש. ער איז געווען א ת"ח, אן עסקן, און קלוג. ער האט געהאט א געוויסע פרומקייט צו זיך, און האט געצויגן זיין חסידות מער רעכט און היינט צוטאגס האט זיך עס נישט מיט וואס צו שעמען פון קיין אנדערע חסידות'ן. אין ווען דער טאטע איז נסתליק געווארן האט ער מיטן פאמיליע אריבער געצויגן קיין בני ברק, אין איבער גענומען דען שטיל פון דער טאטע. דער נייער רבי איז געווען חביב ונערץ ביי גדולי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן, סיי צוליב זיין גדלות בתורה און סיי צוליב זיין אויסטערלישע איידלקייט, ענווה און גאלדענע מידות. אין ממש זיך געפירט ווי א טאטע צו א קונד, יעדער איז ביי אים געווען חשוב. עס דארף טאקע ארויסגעברענגט ווערן לשבח, אז דער רבי דער עטרת ישראל האט שטארק צוגעשטופט זיינע קינדער צו לערנען אין מאכן



קובץ ישראל אשר בך אתפאר



חידושים - א חידוש פאר זיך אינעם רבי'שן וועלט - און עטליכע פון זיינע זין זענען ערנסטע ת"ח, און זיינע איידימער זענען אויך סאלידע ת"ח וגאונים.

## 'דער רבי זצוק"ל דערציילט איבער זיינע בחורישע יארן'

פרשת עקב איז געווען געדרוקט אין גליון 'חצר הקודש דחסידי סקווירא' דאס 'לעצטע שמועס' וואס כבו"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל האט אפגעהאלטן. דאס איז געווען ביי א 'ביקור גומלין' פרשת מטות מסעי ביי כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א וועלכע האט זיך דאן אויפגעהאלטן אין מאליבוי, קאלעפארניע. אין יענעם שמועס טוט דער רבי זצ"ל אויפוויקלען ביאגראפישע שטריכן איבער זיינע בחורישע יארן און דאס זיך פארהערן הוראה ביי הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל.

## 'הוראה אצל בעל אגרות משה'

דער רבי זצ"ל דערציילט: "לויט דעם זיידענס הוראה בין איך געגאנגען לערנען אין ארץ ישראל אין די פאנאוויזשער ישיבה. איך האב לכתחילה געוואלט גיין לערנען ערגעץ אנדערש, אבער דער זיידע (כבו"ק אדמו"ר בעל כנסת מרדכי מסאדיגורה זצ"ל) האט נישט מסכים געווען, און אז ער איז נישט מסכים איז נישט. נאך די חתונה האט דער טאטע זייער געוואלט אז איך זאל זיך פארהערן הוראה. אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט אז כ'זאל זיין א בן יחיד און יעדע זאך איז געגאנגען דעם טאטן בנפשו. ער האט מיר כסדר געמוטשעט: "כ'בעט דיר זאלסט לערנען הוראה. דו מוזט קענען יורה דעה. דו מוזט עס חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל. ער האט מיר נישט געלאזט קיין מנוחה, ער האט גערופן אויפן טעלעפאן און געמוטשעט: "ביסט שוין געווען? האסט זיך שוין פארהערט אויף הוראה?"... כ'געדענק ווי יעצט אז אמאל ווען כ'בין געווען אין אמעריקא זאגט מיר דער טאטע אויפן טעלעפאן: "אז דו ביסט אין בארא פארק נעם א טעקסי און פאר צו און לאז זיך פארהערן ביי הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל. וועסט מיר מחיה זיין והחיית את נפשי!"... האב איך אנגעהויבן טון השתדלות צו קענען אנקומען צו רבי משה, אבער כ'האב געזען אז ס'גייט נישט. עס איז שוין דעמאלט געווען בסוף ימיו און מ'האט קיינעם נישט אריינגעלאזט. מ'האט בלויז אריינגעלאזט א פונקטליכע מנין פאר די תפלות. רבי משה איז געווען דער אכטער, זיין איניקל דער ניינטער און דער בעל קורא איז געווען דער צענטער. די אנדערע זיבן האבן



געדארפט זיין געסט וואס מ'האט זיי אפגעשטימט פון פריער. אז כ'האב געזען אז ס'גייט נישט, האב איך פרובירט צו שתדל'ן ביי אנדערע אבער אלע האבן מיר געענטפערט אז דאס איז דער מהלך דארט. פארצווייפעלט האב איך צוריקגערופן דעם טאטן און כ'האב זיך געבעטן: "כ'האב געטון אלע השתדלות'ן און ס'גייט נישט. דער טאטע זאל מיר מוחל זיין, כ'האב ב"ה הוראה פון אנדערע גדולים". דער טאטע האט



אבער נישט נאכגעלאזט: "כ'בין נישט מוותר בשום אופן! נעם א טעקסי און פאר אהין". זאג איך: "כ'ווייס נישט ווי מ'פארט, כ'קען מיך נישט אויס"...

כ'האב באשלאסן אז כ'מוז פאלגען דעם טאטן פאר יעדן פרייז. ס'איז געווען דעמאלט די גרויסע היצן אין ניו יורק און כ'האב גענומען א טעקסי אין בארא פארק און כ'בין געפארן קיין מאנהעטן. כ'האב געדענקט אין קאפ אז אין רבי משה'ס תשובות שטייט די אדרעס (455 \ DRIVE RDR) און בערך דארט וואוינט ער. בין איך צוגעפארן אהין און ס'האט מיר אנגעטראן א גוי א 'טעקנישאן' פון 'עי טי ענד טי' און ער פרעגט מיר: "וועמען זוכסטו? דו זוכסט דעם אלטן 'גרעיט גרענד ראביי'? זאג איך: "יא. אים זוך איך. קענסט מיר ווייזן וואו ער וואוינט?" האט ער מיר צוגעטראגן צו דעם גרויסן פראדזעקט בילדינג. כ'האב געטראכט ביי מיר: "ווי אזוי גיי איך דא ארויין? על כל פנים האט זיך געמאכט אז אן אידענע איז ארויס פון בנין און אזוי ווי זי איז ארויס האב איך מיך געגעבן א גליטש אריין און כ'בין געשטאנען אין די רייע אויף די טרעפ כאילו איך בין אויך אן איינגעלאדענטער... וואס אזל איך טון? אלס 'כיבוד אב' מעג מען אמאל טון אזא זאך. מ'הייבט אן אריינלאזן און דער אייניקל האט געציילט דעם נומער, און ער מאכט מיר אזוי מיט די הענט, אבער ער האט מיר אריינגעלאזט... צום סוף נאכן דאווענען איז געווען א רייע וואס יעדער איינער איז צוגעקומען צו רבי משה'ן מיט זיינע בקשות. האב איך געבעטן דעם גאון א בקשה אז כ'וויל מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב בהידור און כ'בעט אז דער רב דער ראש ישיבה זאל מיך פארהערן הוראה. כ'האב געזען ווי דער אייניקל האט זיך אויפגערעגט און האט מיר געמאכט מיט די פינגער אבער כ'האב זיך נישט פארלוירן... זאגט מיר רבי משה: "וואס לערנסטו? וועלכע סימן? האב איך געזאגט אז כ'האב אנגעהויבן ס' פז-פח און ווייטער. זאגט ער: "ניין. כ'וויל וויסן אויב די פריערדיגע סימנים האסטו אויך געלערנט ווייל דאס דארף מען אויך קענען"... ער האט מיר אנגעהויבן פארהערן נאך און נאך און נאך ביז ער קומט צו א פונקט און ער זאגט מיר: "כ'האב דאך מיינע קינדער, הרב טענדלער און נאך וואס זענען דא. כ'וויל אז איר זאלט ממשיך זיין זיך צו פארהערן ביי זיי און אזוי האב איך געטון".



קובץ ישראל אשר בך אתפאר



אינדרויסן האט די רעביצין שוין אינצווישן זיך דערוואוסט ווער דער יונגערמאנטשיקל איז, און זי האט מיך שוין מכבד געווען אביסל שענער ווי די אנדערע... זי האט געהאט א ווארעמע הרגשה צו  חסידים און זי האט מיך נישט ארויסגעשיקט. בין איך דארט געבליבן און כ'האב גענומען הוראה. האב איך נאכדעם געהאט די העזה און געפרעגט איבער אן ענין להלכה. אין ספר 'מעשה רב' פון הגאון רבי חיים וואלאזינער זצ"ל שטייט אז דער גאון האט געלייגט די מזוזה אויפן שוועל שטייענדיגערהייט אבער אן קיין האלטער (כיסוי) אזוי ווי מ'זעט אין ירושלים אזעלכע סארט מזוזות. כ'האב געהאלטן אז ר' משה איז א לוחם פאר שיטת הגר"א פרעג איך אים: "דער רבי זאל מוחל זיין. פארוואס פירט זיך נישט דער רבי אזוי ווי ס'שטייט אין 'מעשה רב'? רופט ער זיך אן צו מיר: "זאלסטו וויסן אז ווען ס'איז דא א מחלוקת צווישן הלכה און מנהג, איז דער מנהג קובע איבער הלכה! ממילא אויב איך האב אזא מנהג און די הלכה זעט אויס אנדערש, איז דער מנהג קובע איבער די הלכה!"... כ'האב נישט געגלייבט אז איך זאל הערן אזעלכע פון 'רבי משה פיינשטיין'...

## 'לימוד תורת הנסתר'









דער זיידע (דער כנסת מרדכי זצ"ל) האט געקענט א געוואלד תורת הח"ן והקבלה. ער האט פשוט הנאה געהאט צו לערנען קבלה און האט געהאט חברותות אויפדעם, אבער דאס איז נישט געווען בריש גלי, נאר ביי זיך אין שטוב. ער האט מיר אמאל געזאגט: "זאלסט וויסן אז ס'זענען דא לימודים וואס א איד דארף צו קענען לערנען: חכמת הנגלה און חכמת הנסתר. פונקט ווי ס'איז דא א מצוה צו לערנען חכמת הנגלה, דארף א יוד אויך לערנען תורת הנסתר. אבער אודאי געוויס מוז

עס זיין דורך א מלמד וואס זאל אים לערנען כדבעי ווי עס דארף צו זיין". אויב מעג איך זאגן... מיר האט דער זיידע צוגעשטעלט א מלמד אויף תור ת הקבלה. כ'פלעג פארן יעדע וואך פרייטאג נאכדעם וואס כ'האב געענדיגט ישיבה אין פוניביזש קיין תל אביב און כ'האב געלערנט ביי הגאון החסיד רבי יואל הירשפרונג זצ"ל, א גאון עצום א תלמיד פון ישיבת חכמי לובלין. דער זיידע האט מיר געשיקט לערנען ביי דעם יוד וויבאלד אז ער האט אים געקענט פון פריער אלס א ירא שמים. דער זיידע פלעגט מיר מעודד זיין צו לערנען תורת הקבלה און האט מיר אויך פארהערט אבסיל און געקויפט דעם 'עץ חיים'...

הגאון ר' העניך פאדווא זצ"ל איז געווען מיין רבי אין הוראה. כ'האב געלערנט מיט אים טאג טעגליך. איינמאל האט מען גערעדט אז ס'זענען דא מקילים און ס'זענען דא מחמירים אין הלכה. האט ר' העניך געזאגט: "אויף יעדע טיהר איז דא א מזוזה. ס'איז דאך דא א מחלוקת צווישן רש"י און רבינו תם, אויב די מזוזה דארף זיין ליגעדיג אדער שטייענדיג .וואסזשע טון מיר? מ'מאכט עס שיף (בשיפוע ובאלכסון). פרעגט ער מיר: "נו ישראל משה, ס'איז דאך נישט אהין און נישט אהער? ס'איז נישט בעמידה און ס'איז נישט בשכיבה? אלא מאי זעט מען פון דאנעט אז אין הלכה דארף מען זיך אויך קענען בייגן אמאל... מ'דארף נישט זיין אזוי 'אייזן'. אויב ביי די גרעסטע מצוה וואס מיר האבן - די מצוה פון מזוזה וואס איז א שמירה - פונקט ביי דעם זענען מיר מקיל? נאר מ'האט אונז געוואלט מחנך זיין: "זאלסט וויסן זיין. איך בין טאקע רבינו תם, אבער כ'האב געהאט א גרויסע זיידע רש"י וואס האט געהאלטן אנדערש און מ'דארף זיך אן עצה געבן"... דורכאויס די לעצטע תקופה האט זיך דער רבי שטארק געמוטשעט מיט שווערע יסורים און האט זיך אויפגעהאלטן אין לאס אנגל'ס ל צרכי רפואה אין די צייט וואס כלל ישראל האט איינגעריסן לרפואתו השלימה והמהירה. טראץ די ביטער שווערע יסורים ומכאובים האט זיך דער רבי זצ"ל געשטארקט מיט די גרעסטע כוחות און איז אנגעגאנגען מיט די עבודת הקודש במסירת נפש און האט קיינמאל נישט אויפגעגעבן.

איך געדענק די לעצטע מאל וואס דער רבי איז געווען אין אמעריקע אין לעקוואד. א איז איז אריינגעקומען צום רבי'ן זצוק"ל, ער איז בכלל נישט געקומען פון קיין סאדיגור'ער משפחה, אין





בכלל נישט געווען קיין סאדיגור'ער חסיד, און בכלל נישט קיין חסיד. אבער אז א איד וויל עפעס דארף מען דאך זעהן אים צו העלפן, און ער איז אריין צום רבי'ן, און האט געהאט א לענגערע שמוס מיטן רבי'ן, ארויס איז ער מיט א שיינעם סכום געלט, וואס די רבי האט אים געגעבן כדי ער זאל קענען ארויסקומען פון זין פלאנטער. ארויסקומענדיג פון רבי'נס צימער, האט ער זיך אזוי אויסגעקראצט האלב אידיש האלב ענגליש, פארציילענדיג וואס איז מיט אים פארגעקומען יעצט אין חדר מיחוד, מיטן רבי'ן, ער קומט אריין, עס איז דאן די ערשטע מאל געווען וואס דער איד האט בכלל געזעהן און געהערט פון רבי'ן און פון סאדיגורא, און די רבי האט אים אזוי שיין אויפגענומען, אז זינט דאן איז ער געווארן א שטיקל סאדיגור'ער חסיד, ווען מיר האבן זיך געטראפן נישט לאנג צוריק זאגט ער מיר, ווערסט נישט גלייבן אויף מיר, איך בין געפארן מיט מיין ב"ב אין די משפחה, קיין בני ברק, צום ערשטן תשרי בצל דעם נייעם רבי כבו"ק מרן אדמו"ר עט"ר [שליט"א] זצוק"ל, און אריין מיט א קוויטל.



אזא ווייטע השפעה האט רבינו זצוק"ל געהאט, וואו פילע אידן האבן געטראפן א ליידיג פלאץ ביים רבי'ן אין הארץ, און זיך מדבק געווען אין אים. און איך זאג אייך אז פילע פרעמדע מענטשן, וועלכע זענען לאו דוקא געווען סאדיגורא חסידים האבן אנגעהויבן קומען צום רבי'ן. און ער האט צוגעענגידט די יסודות וואס זיין זיידן דער רבי דער כנסת מרדכי האט געגאסן, און צוריקגעברענט די גלאנץ און חן צום היסטארישן הויף, חצר הקודש "סאדיגורה". און פילע פרעמדע אידן וואס האבן קיינמאל מיט סאדיגורא בכלל א שייכות געהאט, האבן דאן ביים רבי'ן אנגעהויבן קומען, און הערן פון רבי'ן תורות, מיט שעפן יראת שמים.

אויסער דעם רבי'נס גרויסן יחוס, און אין אויסער זיין גדלות בקדושה וטהרה ,האט די רבי געקענט תורות הנגלה והנסתר, וואס עס איז דא די באקאנטע לעצטע שמוס וואס דער רבי האט געהאט מיט האדמו"ר מסקווירא שליט"א, ווי די רבי שילדערט דארט ווי דער רבי דער עקבי אבירים



קובץ ישראל אשר בך אתפאר



הייסט אים זיך גיין פארהערן הוראה ביי הגאון הגדול ר' משה פיינשטיין ז"ל. אין ווי דער טאטע דער עקבי אבירים האט אים צוגעשטעלט יעדן טאג א חבריתא אין תורת הנגלה והנסתר. אין פון די רבי'ס גדלות בתורה קען מען פארציילן יארן, ווי שוין פריער דערמאנט וועט מען נאך אסאך הערן פון אבינו רואינו כבו"ק די רבי שליט"א. אין די מוסדות האט די רבי זצוק"ל אלעס געטון, די סאדיגור'ער תלמוד תורה האט געהאלטן ביים אונטערגיין. דער רבי האט עס גענומען אין די הענט אריין, גלייך אנהייב ביים אובערנעמען די עדה. אויפגענומען ערליכע גוטע מחנכים, זיכער געמאכט אז אלע איינגעשטעלטע ווערן געצאלט, אזוי אויך האט די רבי אליינס איינגעשטעלט דעם סדר הלימודים און ווי דער מלאך וואס קלאפט אויפן גראזל און זאגט אים "וואקס", האט דער רבי געזאגט פארן תלמוד תורה. אזוי ארום האט עס דער רבי זצוק"ל ארויפגעארבעט, אז היינט לערנען דארט פיל מיט קונדער, דאס האט דער רבי זצוק"ל געבויט מיט שווערע ארבעט.

שטייענדיג קום אינעם דריטען יאר נאכן הסתלקות פון אבינו רואינו, אור חיינו, כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט בעל עטרת ישראל זצוק"ל, וואס איז געווען באקאנט איבער דער גארער וועלט אלס גאון עצום, פוסק ובעל הוראה, איז נישטא די ווערטער אים צו באשרייבן, טרערן גיסן נאך מיט בענקעניש, און די וואנד איז נאך אפען. ווי די רבי האט געפירט דער קהלה מיט א שטארקייט, צוריק אויפגעבויט און איבערגעארבעט אלע למידים אין די מוסדות, אין די כוללים, אין אויפגעשטעלט פילע שטיבלעך איבער די גארע וועלט. אין די וועלט האט ארויסגעקוקט מיט האפענונג נאכן הסתלקות פון דעם רבי'ן דער עקבי אבירים, אז דער נייער רבי וועט פון פריש אויפבויען דעם פארצייטישן הויף, אין ארויסגעקוקט אויף גוטע טעג.



קדוש ישראל אשר בך אתפאר



נפלה תפארת ישראל, נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש:

# 'די איינאיינציגער צוואה וואו דער רבי איז מכתיר בנו יקירו וחביבו כבו"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א על כס אבותיו הקדושים'

קום זיבן יאר שפעטער, וואס דער רבי זצוק"ל - בעל עטרת ישראל האט זיך געזעצט על כס אבותיו, איז אין אנהייב יאר תש"פ, האט ווי א דינער אינמיטן טאג כלל ישראל אויפגענומען די ביטערע בשורה, אז הוד כבו"ק מרן אדמו"ר וועלכער האט קוים איבערגענומען דעם שבט הנהגה פון זיין פאטער כבו"ק מרן בעל עקבי אבירים זצוק"ל, איז ל"ע נישט געזונט, און כלל ישראל האט מתפלל געווען אין איין געדוסן וועלטן לדפואתו. אין געדאווענט צום רבונו של עולם, אז כבו"ק דער רבי זצוק"ל זאל בלייבן דא מיט אונז. אבער ליידער האט דאס נישט פאסירט, דער רבונו של עולם האט געוואלט אביסל אנדערש, אין נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש, מיט ערשטיטערטע געמיטער און צובראכענע הערצער איז אויפגענומען געווארן די ביטערע בשורה



איבער די פריצייטיגע הסתלקות לשמי מרום ביום כ"א אב ה'תש"פ און דער רבי האט פריצייטיג צוריקגעקערט זיין הויכע הייליגע נשמה צו איר באשעפער אין יונגען עלטער פון 65 יאר. אזוי האט פאסירט פון אויבן אז כבו"ק דער רבי זצוק"ל האט איז נישט איבערגעלאזט דעם הייליגן חצר אן קיין פאסטעך, נאר גאר פארקערט. די רבי זצוק"ל האט שוין פון פריער געשריבן א צוואה ווי ער איז מכתיר בנו יקירו "הוד כבוד קדושת מרן רבינו עט"ר שליט"א" פאר מנהג העדה. דער הייליגער בעל עטרת ישראל'ס זון כבו"ק מרן דער רבי שליט"א האט איבער גענומען, אין געקרוינט געווארן מיטן כתר המנהיגות אלס רבי לבית רוזי'ן סאדיגורה אין ווי דער רבי זצוק"ל האט נאך בחייו כמה וכמה פאמים געזאגט: שיעלע איז מיין ממשיך. פאר פילע גדולי הדור האט דאס דער רבי געזאגט, באקאנט ביים גאב"ד אנטווערפן, אין פילע נאך. אין טראץ זיין יונגן אלטער, זאל ער, דינען על כס אבותיו אויף דעם הייליגן שטיל, אויף וועלכע עס זענען געזעצן אזעלכע מצוקי תבל, די צדיקים הקדושים לבית רוזין וסאדיגורה, וועלכע האבן געטראגן אויף זייערע הערצער דאס כלל ישראל, ברחניות ובגשמיות.

## 'מחמד עיני ולבבי המאור הגדול'

נאכן שבעה איז אנדעקט געווארן 'כתב יד קדשו' פון כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיע"א, וואו עס דערקענט זיך די געוואלדיגע חביבות וועלכע מרן דער רבי שליט"א האט געגאסן ביי זיין גרויסן פאטער זיע"א. אינערווייניג דעם רבינ'ס 'לוח השנתי' טוט דער רבי זיע"א צושרייבן ביים טאג דינסטאג בשלח תשע"ח די יום החתונה פון דעם רבי'ן שליט"א, גאר גרויסע טיטלען אויף בנו חביבו וממלא מקומו. עס לייגט זיך ווי פאלגענד: "יום אפריון של בני מחמד עיני ולבבי המאור הגדול בנש"ק וטהורים פרע"ח הרב יצחק יהושע העשיל שליט"א".



ישראל אשר בך אתפאר



קובץ ישראל אשר בך אתפאר

## 'שמו הטוב הולך לפניו'

ווי שוין באקאנט דעם רבי'ן שליט"א'ס מורא'דיגער ענוה, וואס איבער דעם גארער וועלט טוט מען עס באוואונדערן. ווי כ"ק גאב"ד אנטווערפן שליט"א האט זיך אויסגעדריקט אויפן רבי'ן, האט ער געזאגט: "סאדיגור'ער רבי שליט"א איז א ריכטיגער סאדיגור'ע ממשיך, אין איז טאקע ראוי זיך צו זעצן על כס אבותיו, ער גייט אין די רוכטיגע וועגן". אין זיין ענוה אין איידלקייט וועט נאך זיין א צייט וואס מען וועט זיך בענקען, א מענטש אזוי ווי אים האב איך נאכנישט געזעהן, טראץ זיין יונגן עלטער, אזוי פיל מיט חכמה, קען אסאך, א בקי בכל התורה, ווארפט צוזאם פון אלע פלעצער, האט א שפראך מיט יעדן, "אזאנס האב איך נישט געזעהן". דער רבי שליט"א איז אלס געווען דער באליבטער זון פונעם טאטן כל ימי חייו. דער פאטער האט זיך אויסגעדרוקט מיט גרויסע הפלגות אויף אים אסאך מאל, סיי פאר חסידים און סיי פאר אנדערע אדמורי"ם. איך האב געזען דעם לשון וואס ער האט געשריבן אין זיין פריוואטן לוח צום טאג פון חתונת פון רבי'ן ווי דערמאנט, און מ'זעט אז ער האט אלס געהאלטן פון אים קודש קדשים. און ס'איז געווען פאר וואס: אלס יונגל האט ער זיך פארהערט ששה סדרי משנה, און גאר געווינען דעם אויסצייכענונג צווישן אלע אנדערע קינדער. אלס בחור איז ער געווען א מתמיד עצום און א צדיק, און פארט שטענדיג געהאט א קאפ אויפן פלייצע און איז געווען באליבט איבעראל מיט זיין איידלקייט און גוטע מידות. יאריך ימים אל ממלכתו.

## 'השתלשלות של הוד כבו"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א'

כבו"ק דער רבי שליט"א איז געבוירן אים כ"ד אייר ה'תשנ"ו אין לאנדאן, צו זיין טאטע דער רבי זצוק"ל בעל עטרת ישראל. אין זיינע קינדער'ישע יארן האט די רבי געלערענט אין תלמוד תורה תורה דחסידי בעלזא אין לאנדאן ווי ער האט זיך פארהערט ששה סדרי משנה פון אויסעווייניג און האט דאס מסיים געווען ברבים. דער רבי שליט"א האט זיך נישט באגעניגט מיטן ענדיגן ששה סדרי משנה אלס קינד, נאר אויך אין די שפעטערע יארן אלס בחור און אלס יונגערמאן האט ער אוועקגעשטעלט א ספעציעלע סדר צו ענדיגן גאנץ ש"ס, אין איבער חזר'ן ששה סדרי משנה יעדע יאר. אלס בחור האט ער געלערנט אין 'ישיבה קטנה דחסידי בעלזא' אין לאנדאן און ווען ער איז עלטער געווארן איז ער געגאנגען לערנען אין 'ישיבה גדולה געיטסהיד' בראשות הגאון רבי אברהם גורוויץ שליט"א ווי ער איז געווען פארדעכענט פון די חשובסטע תלמידים. דערנאך איז ער געגאנגען לערנען אין 'ישיבת מיר ירושלים'. אין די מיר'ע ישיבה דער רבי שליט"א געווען פארדעכענט אלס תלמיד חביב ביי הגאון רבי אשר אראלי שליט"א מיט וועמען ער האט געלערנט בחבורתא. א באזונדערע קשר האט דער רבי פארמאגט מיט מרן ראש הישיבה הגאון רבי אליעזר יהודה פינקל שליט"א וועלכע איז אדויס מגדרו און האט זיך באטייליגט ביי זיין שמחת החתונה.



רבי ישראל אשר בן אנטווערפן



אין ארץ ישראל האט דער רבי שליט"א גענאסן א קירבה יתירה ביי כ"ק אדמו"ר מקאפישניץ שליט"א וועלכע האט געלערנט מיט אים בחבורתא יעדן 'ליל ששי' אין ספר אוהח"ק, וואס ווי באקאנט פארנעמט דער לימוד אור החיים הקדוש א גאר גרויסע ארט בחצרות רוזשין.

# 'שמחת בית סאדיגורה'

ביום ז' שבט שנת תשע"ח לפ"ק, האט דער רבי שליט"א חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקנית תליט"א בת חתן המלך הגה"צ רבי אשר חיים שטערנבוך שליט"א רב ביהמ"ד אהל יעקב אנטווערפן בן הגה"צ רבי אליהו שטערנבוך זצ"ל ראב"ד אנטווערפן חתן כ"ק אדמו"ר מאסטראוו-קאלאשין שליט"א פון סידערהורז. נאך די חתונה האט דער רבי שליט"א געוואוינט אין אנטווערפן און געלערנט פארמיטאג אין 'כולל הרבנים' בראשות הרה"צ ר' ישראל האגער שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מסאווראן שליט"א און נאכמיטאג אין 'כולל ש"ס' בראשות הגאון רבי בנימין יעקעבאוויטש שליט"א און ביינאכט אין די שטאטישע כולל בראשות הגאון ר' נחום הערץ לעווי שליט"א. אין אנטווערפן האט זיך דער רבי שליט"א געהאלטן גאר שטארק מקושר צו כ"ק אדמו"ר מפעשוואראסק שליט"א וועלכע האט אים ארויסגעוויזן אן אויסערגעווענליכע התקרבות וואס מ'האט נישט געזען פריער. אין אזוי אויך, איידער די הכתרה, האט זיך דער רבי שליט"א דורכגעשמועסט אלע איינצעלהייטן מיט כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א. וואוינענדיג אין אנטווערפן איז דער רבי שליט"א געווארן א צוציאונגס-קראפט פאר חסידי רוז'ין ואנשי מעשה וועלכע האבן זיך געקלאמערט ארום דעם רבי'ן און געוואלט מקבל זיין מבאר ההוא, נישט קענענדיג געגוג אפוואונדערן זיין געטליכע געשטאלט פון קדושה און צדקות אונטער א שלייער פון ענוה און באשיידענקייט. אויף די דירעקטע פארלאנג פון ידידים און מעריצים האט דער רבי





שליט"א איבערגעגעבן 'שלש סעודות תורה' יעדע 'שבת מברכים' אין 'קלויז טשורטקוב' אין אנטווערפן און חסידים פלעגן ארויפקומען צו אים אין שטוב ווי ער האט געפראוועט באטעס און התוועדות'ן.

פון יונגווייז אן האט מען געזען אויפן רבי'ן שליט"א אז 'זה הקטן גדול יהיה', זיין אויסערגעוועהנליכע התמדה בתורה און זיינע גאלדענע מדות האט יעדעם באוואונדערט. אביו הגדול כבו"ק אדמו"ר זצ"ל האט זיך עטליכע מאל אויסגעדרוקט אויף אים: "מיין שיעלע איז קדוש מרחם!"... שוין אלס בחור אין ישיבה האט אים יעדער ארויפגעקוקט און געשעצט, זייענדיג פון די מצטייני הישיבה און א בחור וועלכע האט געלעבט מיט העכערקייט. די חבירים פון ישיבה דערציילן וואו ער איז געזעצן און געהארעוועט לאנגע שעות על התורה, אנדעם וואס ס'זאל אין אינטערסירן די נייעס אדער עפעס אנדערש אויסער תורה. מיט זיין גאלדענע הארץ האט ער אויפגענומען מיט א שמייכל יעדע איינציגסטע בחור אפגעזען וועלכע סארט בחור דאס זאל זיין. בחורים נשברי לב פלעגן טרעפן אן אפענעם אויער ביי רבי'ן, וואוסענדיג אז ער וועט זיין דער איינציגסטער וואס וועט זיי אויסהערן מיט געדולד און ארויסהעלפן בעצה ובמעש.

נאך געבן איבער די חבירים פון ישיבה, איבער דעם רבינ'ס געוואלדיגע אפגעהיטענקייט און אויסטערלישע 'שמירת עניים' וועלכע איז געווען א מוסטער און לעבעדיגע 'מוסר ספר' פאר יעדן בחור. וואקענדיג אויף די גאסן פון ירושלים איז ער אלעמאל געגאנגען מיט די אויגן אויף אראפ און פרובירט צו פארמיידן זיך צו באנוצן מיט די שטאטישע באסעס. בכלל איז יהושע'לע קיינמאל נישט ארומגעפארן מיט חבירים אויף פארשידענע פארוויילונג-ערטער זיך אויסצולופטערן, נאר






איז געזעצן טאג און נאכט אין ביהמ"ד ביי די גמרא. זיין גאנצע מהות און געטליכע געשטאלט איז 'כולו אומר כבוד' בנוסח רוזשין מיט א געוואלדיגע ערענסקייט און ישוב הדעת.

## "מיין קינד יהושע איז געבוירן א רבי"



אן אויסטערלישע חיבה יתירה האט דער רבי שליט"א גענאסן ביי אביו הגדול כבו"ק אדמו"ר זצ"ל וועלכע האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים גדולות ונצורות זאגענדיג: "מיין שיעלע איז געבוירן א רבי". ווען דער רבי זצ"ל האט אמאל באזוכט ביי כ"ק אדמו"ר מבעלזא האט זיך דער רבי זצ"ל אויסגעדרוקט: "כלום אב מעיד על בנו. איך טאר נישט רעדן אויף אן אייגן קינד. אבער אזויפיל קען איך זאגן אויף מיין שיעלע, אז ער איז א דיימאנט וואס גלאנצט שענער ווי מיר..."! אין לויף פון די יארן האט דער רבי זצ"ל עטליכע מאל קלארגעשטעלט פאר די מקורבים און נאנטע משפחה אז 'שיעלע איז מיין ממשיך', און האט דאס אויך פארשריבן לדורות אין די איינציגסטע צוואה וואס דער רבי זצ"ל האט געשריבן בחייו, אים ווינטער תש"פ וויילענדיג בארה"ק, וואו ער טוט דייטליך קלארשטעלן אז בלויז זיין זון הוד כבו"ק מרן רבינו יצחק יהושע העשיל שליט"א איז דער איינציגסטער יורש באדמורו"ת בית סאדיגורה ורוז'ין סאדיגורה.

## 'יונגע אדמו"רי"ם בשלשלת בית רוז'ין'



עס איז אינטערסאנט צו באטאנען איבער די גלארדייכע היסטאריע לבית רוזשין, ווען דורכאויס אלע יארן בשלשלת אדמו"י רוזשין, האבן די חסידים אויפגענומען די רבי'ס אין א יונגן עלטער: הרה"ק הסבא קדישא מרוז שין זי"ע איז געווארן רבי ביי די זעכצן יאר, הרה"ק ר' דוד משה מטשורטקוב זי"ע ביי די פיהר-און-צוואנציג יאר, הרה"ק מהוסיאטין זי"ע ביי די זיבעצן יאר, הרה"ק האדמו"ר הזקן מסאדיגורא זי"ע ביי די איין-און-דרייסיג יאר, הרה"ק בעל אור ישראל

זי"ע ביי די איין-און-דרייסיג יאר, הרה"ק בעל קדושת אהרן זי"ע ביי די דרייסיג יאר, הרה"ק בעל אביר יעקב זי"ע ביי די איין-און-צוואנציג יאר, הרה"ק ר' שלומניו זי"ע ביי די ניינצן יאר, הרה"ק ר' יצחק מרימינוב זי"ע ביי די צוואנציג יאר, הרה"ק בעל כנסת מרדכי מסאדיגורה זי"ע ביי די זעכצן יאר, הרה"ק ר' אברהם מתתיהו משטעפינעשט זי"ע ביי די איין -און-צוואנציג יאר, הרה"ק מבוהוש זי"ע ביי די זיבעצן יאר, הרה"ק ר' מרדכי שלמה מבאיאן זי"ע ביי די זעקס-און-צוואנציג יאר, כ"ק מרן אדמו"ר מבאיאן שליט"א ביי די צוואנציג יאר. אין אויך הוד כבו"ק מרן אור חיינו אדונינו מורינו ורבינו הרב הצדיק שליט"א איז אויפגענומען געווארן אלס מנהג העדה ביי די פיהר-און-צוואנציג יאר להמשיך דרכם בקודש.



## 'ערשטע 'מוצאי שבת' בחצר הקודש'

שבת פרשת שופטים ה'תש"פ איז געווען דער ערשטער שבת אבער כ"ק מרן דער רבי שליט"א האט נישט אפגעראכטן אן עריכת השולחן כנהוג אצל אדמור"י בית רוז'ין וועלכע האבן וויניגער געפירט א שלחוה"ט. דער רבי שליט"א איז אבער יא אריינגעקומען צו די תפלות אין ביהמ"ד. מוצאי שבת קודש האט דער רבי שליט"א געדאווענט מעריב אינדרויסן פון דאווען-שטוב און דער ברידער הרב אפרים פישל שליט"א האט געד אווענט פאר'ן עמוד. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א אויפגעטראטן מיט קורצע ברכת הקודש און דערנאך האט דער ציבור אנגעהויבן זינגען 'א גוטע וואך', אין די צייט וואס דער רבי שליט"א האט מעודד געווען די ניגונים און געקלאטשט מיט די הענט כנהוג. דערנאך איז דער ציבור אריבער זיך וואונטשן 'גוטע וואך' ביים רבי'ן שליט"א.

## 'כובע ישועה בראשו'



און דעם קומענדיגן זונטאג פרשת כי תצא האט כ"ק מרן דער רבי שליט"א אפגעראכטן דעם סעודת הילולא אין ביהמ"ד הגדול לרגל די יומא דהילולא קדישה פון די ביידעס האחים הרה"ק רבי שלום יוסף זיע"א און האדמו"ר הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורה זיע"א. ביים עריכת השלחן הטהור האט זיך דער רבי שליט"א צום ערשטן מאל אנגעטון א 'קאלפיק' כנהוג, נאכ'ן ממלא זיין מקום אביו זיע"א. אדמור"י בית רוזי'ן פלעגן זיך פירן צו גיין אנגעטון מיט א 'קאלפיק' אינדערוואכן ביי יעדע גרעסערע מאורע און אזוי אויך ראש חודש און טא דאס טוט מרן דער רבי שליט"א ווייטער אנהאלטן במורשת בית אבותיו.



## 'היסטארישע 'שבתא דריגלא' בחצר הקודש'

אויף דעם קומענדיגן שבת פרשת כי תצא איז באשטימט געווארן אלס 'שבת התאחדות' פון כלל חסידי סאדיגורה פון איבער אלע שטעט אין גאנץ ארה"ק, ווי מען האט אהערגעשטעלט דעם גיגאנטישן 'שאטער' וועלכע געפונט זיך הארט נעבן ביהמ"ד הגדול אין בני ברק, כדי צו קענען אקאמאדירן די טויזענטע חסידים ואנשי מעשה וואס זענען געווען ערווארטעט מיטצוהאלטן דעם 'ערשטן טיש' ביי בצל הקודש פון כ"ק מרן דער רבי שליט"א. אין די פארלאפענע טעג פאר שבת האבן זיך הונדערטע יודן איינגעשריבן פאר 'אש"ל' און צענדליגע יודן האבן זיך עקסטער מטריח געווען צו קומען צו פארן מיט די משפחות קיין בני ברק, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו. אויף שבת זענען געקומען צו פארן קיין בני ברק צענדליגע חסידים פון אלע שטעט איבער גאנץ ארץ ישראל, נישט וועלענדיג פארפאסן דעם ערשטן שבת בצלא דמהימנותא עילאה. דורכאויס



די עריכת השולחנות, סיי פרייטאג צונאכט'ס און סיי שלש סעודות, האבן טויזנטע חסידים און תושבי העיר איבערגעפולט דעם גיגאנטישע שאטער וועלכע איז אויפגעבויעט געווארן הארט נעבן ביהמ"ד הגדול, און איז געווען מלא על גדותיו מקצה אל קצה. שבת האט מרן דער רבי שליט"א באנייט דעם נייעם שטריימל מיט א 'שפיץ' און זיך אויך אנגעטון א 'שניפצל' כנהוג ביי אדמו"ר"י בית רוזין. צו 'בואי בשלום' איז דער רבי שליט"א ארויסגעקומען פון דאווען-שטוב און מעודד געווען די ניגונים, און נאכ'ן דאווענען זענען טויזנטע יודן אריבער זיך וואונטשן 'א גוט שבת' ביים רבי'ן. דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען צום טיש, און די עריכת השולחן האט זיך פארצויגן דריי שעות ברציפות פון התרוממות ועונג רוחני און מ'האט געענדיגט דעם טיש צווייי אזייגער. דער רבי שליט"א האט אויפגעטראטן מיט אמרי קודש עטליכע מאל דורכאויס דעם שלחוה"ט בעת שלש סעודות. מוצאי שבת האט דער רבי שליט"א אויפגעטראטן מיט דברי הדרכה פאר די חסידים און דערמאנט זיך צו שטארקן אין דעם 'פאן' וואס סאדיגורה חסידים טראגן וואס דאס איז 'אהבת תורה ויראת שמים'. און דערנאך זענען די הונדערטע חסידים אריבערגעגאנגען דעם רבי'ן זיך וואונטשן 'גוטע וואך'. א שבת פון היסטארישע מאמענטן וועלכע וועלן בלייבן איינגעקריצט אין די הערצער פון די טויזנטע חסידים ואנשי מעשה וואס האבן דאס מיטגעהאלטן.



## 'אליו יבואו'

גרויס פרייד האט ארומגענומען חסידי סאדיגורה, ווען יענעם זונטאג איז געמאלדן געווארן אז מרן דער רבי שליט"א, ממשיך השלשת וממלא מקום אביו זיע"א באדמורו"ת סאדיגורה, וועט אויפנעמען דעם ציבור לברך ולהתברך. דורכאויס גאנצע פינף שעה (!) איז דער רבי שליט"א געזעצן בחדרו הפרטי אין בנין ביהמ"ד הגדול און האט צום ערשטן מאל אויפגענומען די ציבור חסידים מיט קוויטלעך, נאכ'ן ממלא זיין



מקום אביו בכתר אדמורו"ת. עס איז געווען א מחזה הוד צוזעענדיג ווי הונדערטע חסידי סאדיגורה פון איבער גאנץ ארה"ק אין שפיץ פון זקני וחשובי העדה, האבן זיך געשלענגעלט אין לענגערע רייעס זוכה זיין ארייננצוגיין אל הקודש פנימה לברך ולהתברך בכל מילי דמיטב. פאר סאדיגורה חסידים ליגט איינגעריצט די ווערטער וואס אביו הגדול כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיע"א האט געשריבן אין די צוואה אויף בנו וממלא מקומו: "איך בין פארזיכערט אז ער וועט פועל'ן ישועות מיט זיינע ברכות און תפלות וואס וועלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון". ומינה לא תזיע. וזה לשונו: "אליו יבואו במשאלותיהם והוא יעתיד בעדם לטוב להם, ואני בטוח בזכות אבותי ואבות אבותי הק' שתפילותיו תתקבלנה לרצון וברכותיו תפעלנה ישועות, ועצותיו תהיינה בחכמה בבינה ובדעת, כפי שידעתיו שהוא ראוי להיות איש על העדה, לחלות פני כל ולקבל כל אדם בסבר פנים יפות, עפ"י הדרך שהי' מקובל בבית אבותי ואבות אבותי הק' ובטוחני בעז"ה שימצא חן בעיני אלקים ואדם". ויעתר יצחק אל השם.

## 'בשפתי צדיקים תתברך'

מיטוואך נאכט פרשת כי תצא נאך חצות הלילה איז מרן דער רבי שליט"א אנגעקומען אויף א באזוך ביי כ"ק אדמו"ר הגה"ק מפשעווארסק שליט"א מיט וועמען דער רבי שליט"א האט געשאפן זייער א נאנטע קשר דורכאויס די יארן וואס דער רבי האט געוואוינט אין אנטווערפן וואס אסאך האבן באוואנדערט. עס האט זיך פארצויגן א שיינע שמועס און ביים ענדע האט דער פשעווארסק'ע רבי שליט"א געזאגט: "אין די איצטיגע טעג רייכט מען זיך נישט די הענט (זמני תקופת הקראנע), אבער רבנים צווישן זעך, געבן זעך יא די הענט"... און דערביי שיין געוואונשטן. דערנאך האט זיך דער פשעווארסק'ער רבי געוואנדן צום נייעם רבי'ן: "יעצט זאל מיר דער רבי געבן א ברכה, האסט א כח"... דער רבי שליט"א איז געווארן ווייס ווי קאלעך אין זיך געמארמעלט: "איך פאר אזא אדם קדוש?", ביז דער רבי האט זיך געקענט צוזאמקלויבן און קומען צום ווארט און דערביי געוואונטשן א ברכה פאר'ן צדיק הדור כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק מפשעווארסק שליט"א. דערנאך זענען ביידע רבי'ס געבליבן פארשפארט פאר קרוב צו א האלבע שעה.





קובץ ישראל אשר בך אתפאר

# יחוס – אחד עשר דורות להבעש"ט הקדוש

כבו"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א / נולד כ"ד אייר ה'תשנ"ו.

בן כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט רבינו ישראל משה בעל 'עטרת ישראל' זיע"א / נולד ד' אב ה'תשט"ז, הסתלקות כ"א אב ה'תש"פ.

בן כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט רבינו אברהם יעקב בעל 'עקבי אבירים' זיע"א / נולד ה' אלול ה'תרפ"ח, הסתלקות י"ט טבת ה'תשע"ג.

בן כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט רבינו מרדכי שלום יוסף בעל 'כנסת מרדכי' זיע"א / נולד י"ז כסלו ה'תרנ"ז, הסתלקות כ"ט ניסן ה'תשל"ט.

בן כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט רבינו אהרן בעל 'קדישת אהרן' זיע"א / נולד י"ב תשרי ה'תרל"ז, הסתלקות י"ט תשרי אושפיזא דאהרן כהנא קדישא ה'תרע"ג.

בן כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט רבינו ישראל בעל 'אור ישראל' זיע"א / נולד כ' שבט ה'תרי"ב, הסתלקות י"ג תשרי ה'תרס"ז.

בן כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט רבינו אברהם יעקב 'האדמו"ר הזקן' זצוק"ל / נולד כ' חשון ה'תק"פ, הסתלקות י"א אלול ה'תרמ"ג.

בן כבו"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט רבשכבה"ג רבינו ישראל מרוז'ין זצוקלה"ה זיע"א / נולד ג' תשרי ה'תקנ"ז, הסתלקות ג' חשון ה'תרי"א.

בן הרהקוה"ט רבי שלום שכנא פרוהביטש זיע"א / נולד? הסתלקות י"ד תשרי ה'תקס"?.

בן הרהקוה"ט רבי אברהם המלאך זיע"א / נולד? הסתלקות י"ב תשרי.

בן רבשכבה"ג המגיד הגדול הקדוש ממעזריטש זיע"א / נולד? הסתלקות י"ט כסלו ה'תקל"ג.

תלמוד מובהק של רבשכבה"ג מרן הבעש"ט הקדוש זיע"א.





קובץ ישראל אשר בך אתפאר



# 'סיים בברכה להוד כבו"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א'

מיר וועל דא מסיים זיין. אין וואונטשן דעם רבי'ן שליט"א אז יארך ימים אל ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל. דער רבי זאל זוכה זיין ווייטער ממשיך צו זיין דעם 'גאלדענעם קייט', און צוריקברענגען דעם הוסטארישן חצר 'סאדיגורה' צו איר אמאליגן גלאנץ, און דורכדעם משפיע זיין אויף גאנץ כלל ישראל, מיטן בויען מוסדות און אויפבויען תלמידים לשם ולתפארת. אין אנטון פאר אלע דעם אלטן "כתר", דעם "כתר תורה וכתר מלכות". וואס דאס זענען דאך געווען די יסודות פון דעם הייליגן רוזינער. זכותם יגן עלינו אנס"ו.

כל המזכה את הרבים שטייט אין בא חטא על ידו, וואס הייסט? איינער וואס איז א מזכה את הרבים קען שוין טון וואס ער וויל? ווייל ער איז מזכה דעם רבים?: נאר וואס איז פשט. אז עס וועט נישט ארויס קומען קיין שלעכט'ס דערפון, פון דעי זאך וואס ער טוט, זאל נישט ארויסקומען קיין שלעכטע זאכן. זאל די אויבערשטער טאקע העלפן עס זאל 'נאר ארויסקומען גוט'ס'. אין מען זאל וויסן ווער אונזערע גדולים אונזערע צדיקים זענען געווען. אין אזוי קען מען נענטער ווערן צום אויבירשטן, זכותם יגן עלינו.



*

copyright 2021

כל הזכיות שמורות להמערכת,
ואסור להדפיס להעתיק או לצלם אפי' חלק ממנו,
בלי רשות מפורשת.

הכותב: שבתי כ.

lasosretzoncha@gmail.com

*

# - לזכר עולם יהיה צדיק -

בשער הספר יוחק לזכרון קודש כבוד נשמת מאור עינינו, ואור חיינו, ונזר תפארתינו, אשר בך אתפאר, אשר אמרנו בצילו ניחה בגיום, בוצינה דנהורא, עמד צלותהון דישראל, רב פעלים מקבציאל להרביץ תורה ואמונה בלבות אלפי ישראל, הנהיג את עדתו משך שבע שנים כרועה נעמן, הגאון הקדוש כבוד קדושת מרן

## רבינו הקוה"ט רבי ישראל משה זיע"א

### בכבו"ק רבינו הקוה"ט מרן רבי אברהם יעקב זיע"א

מח"ס הק' עטרת ישראל

### עלתה נשמתו בסערה השמים ביום כ"א אב ה'תש"פ

בגן עדן תהא מנוחתו, ויושר יליץ בעד צאן מעריתו וזכותו הגדולה תעמוד לנו ולכל ישראל עדי ביאת גואל צדק ומלכינו כבו"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א בראשינו מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות כב"א



# ישראל אשר בך אתפאר

